# פרשת וישב ט"ו – כ"א כסלו תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **הערשל וייס** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קס"ח סעיף ז') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**וישלח** יעקב מלאכים לפניו (בראשית ל-ד), יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו. און רש"י זאגט, מלאכים ממש. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער 'לפניו', עס איז גענוג אז עס שטייט, וישלח יעקב מלאכים אל עשו אחיו, וואס איז דער 'לפניו', פאר אים. אין סוף פון די פריערדיגע פרשה, ווען לבן מיט יעקב האבן זיך צוטיילט, זאגט דער פסוק (שם ל-א) וישב לבן למקומו, לבן איז צוריקגעגאנגען צו זיין פלאץ, ויעקב הלך לדרכו, ויפגעו בו מלאכי אלקים, יעקב האט באגעגענט מלאכים, און ווען ער האט זיי געזעהן, האט ער געזאגט מחנה אלקים זה, ויקרא שם המקום ההוא מחנים. רש"י זאגט, אז ביז יעצט האט יעקב געהאט מלאכים פון חוץ לארץ, וואס זענען געווען צוזאמען מיט אים די צוואנציג יאר וואס ער איז געווען ביי לבן אין שטוב, און יעצט איז ער אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, זענען אראפגעקומען די מלאכים פון ארץ ישראל, אים צו באגלייטן, האט ער יעצט געהאט צוויי מחנות פון מלאכים. ער האט געהאט די מלאכים פון ארץ ישראל, און די מלאכים פון חוץ לארץ, האט ער עס אנגערופן מחניים, איך האב דא צוויי מחנות. איך האב א מחנה פון מלאכים פון חוץ לארץ, און א מחנה פון מלאכים פון ארץ ישראל.

**אז** יעקב האט געהאט פאר זיך צוויי מחנות, און ער האט געדארפט יעצט שיקן מלאכים צו עשו, וועלכע מחנה האט ער אויסגעקליבן צו שיקן? האט ער נישט געקענט שיקן די נייע מלאכים וואס זענען געקומען יעצט, ווייל די זענען מלאכי ארץ ישראל, און עשו איז דאך אין ארצה שעיר שדה אדום, ער האט זיי געדארפט שיקן קיין שעיר וואס איז אין חוץ לארץ, האט ער נישט געקענט שיקן די נייע מלאכים וואס ער האט יעצט פוגע געווען, ער האט געמוזט נעמען די מלאכים וואס זענען שוין צוואנציג יאר געווען פאר אים, און זיי האבן אים באדינט, די מלאכים האט ער יעצט געשיקט צו עשו. נאכדעם וואס די תורה זאגט, אז יעקב האט געהאט צוויי ערליי מלאכים, זאגט דער פסוק 'וישלח יעקב מלאכים לפניו', די מלאכים וואס זענען געווען ביז יעצט פאר אים, די האט ער געשיקט. ווייל מען דארף דאך גיין 'אל עשו אחיו ארצה שעיר', און אויף ארצה שעיר קען ער נישט שיקן די נייע מלאכים, ווייל זיי זענען מלאכי ארץ ישראל, האט ער געשיקט די מלאכים.

*

**לכאורה** איז אבער דא א פלא, ער האט געהאט דא צוויי מחנות מלאכים, ווייל ער גייט יעצט אריין פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל. ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון ארץ ישראל, אנפאנג פרשת ויצא, און ער איז געגאנגען אויף חוץ לארץ, האט ער אויך געהאט צוויי מחנות מלאכים. רש"י זאגט, והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו (בראשית כח-יב), אז די מלאכי ארץ ישראל זענען ארויפגעגאנגען, און די מלאכים פון חוץ לארץ האבן אים באגלייט ווייטער. יעצט איז געווען פארקערט, יעצט זענען די מלאכים פון חוץ לארץ ארויפגעגאנגען, און די מלאכים פון ארץ ישראל זענען אראפגעקומען. אויב אזוי, פארוואס האט ער די פאריגע מאל נישט גערופן מחניים. אזוי ווי יעצט האט ער געהאט צוויי מחנות מלאכים, אזוי האט ער דעמאלטס געהאט צוויי מחנות מלאכים. פארוואס האט ער די פאריגע מאל נישט גערופן די פלאץ מחניים.

**און** די קשיא גייט נאך טיפער, האט ער דען געהאט אויף איין מאל צוויי מחנות מלאכים. רש"י זאגט, עולים תחלה ויורדים, קודם קומען דאך די מלאכים אראפ, און נאכדעם גייען זיי ארויף. זאגט רש"י, די מלאכים פון ארץ ישראל זענען קודם ארויפגעגאנגען, און נאכדעם זענען אראפגעקומען די מלאכים פון חוץ לארץ. האט ער דאך אייביג נאר געהאט ביי זיך איין מחנה פון מלאכים. איז דאך יעצט ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל, אויך געווען אז איין מחנה איז ארויפגעגאנגען, און איין מחנה איז אראפגעקומען. פארוואס האט ער עס גערופן מחניים? וואו האט ער געהאט צוויי מחנות.

*

**רש"י** (שם כח-יג) זאגט, והנה ה' נצב עליו, לשמרו, דער אייבערשטער האט אפגעהיטן יעקב. עס שטייט אין **שלחן ערוך** (רמ"א יו"ד קטז-ה), אז עס איז דא פיר תקופות אין יאר. און ווען עס געפאלט די תקופה, זאל מען נישט טרינקען קיין וואסער, ווייל עס איז א סכנה צו טרינקען. דער מקור דערפון איז א **אבודרהם** (שער התקופות), און דער **אבודרהם** זאגט, אז דער טעם דערפון איז, ווייל דער אייבערשטער האט ממנה געווען פיר מלאכים אויפן וואסער, און יעדער מלאך היט די וואסער איין תקופה. ווען עס גייט אדורך זיין תקופה, און עס קומט די צווייטע תקופה, קומט א צווייטער מלאך וואס היט יענע תקופה. און ביי יעדע תקופה טוישן זיך די מלאכים. זאגט דער **אבודרהם**, אז בשעת עס טוישן זיך, און עס גייט אוועק דער פריערדיגער מלאך, איז דא איין רגע וואס די וואסער בלייבט אן שמירה. איז וועגן דעם, אז מען טרינקט דעמאלטס וואסער, קען מען ניזוק ווערן, זאל מען נישט טרינקען קיין וואסער בשעת די תקופה. קומט אויס, אז ווען די שומרים טוישן זיך, די איינע רגע, איז דא א היזק, עס קען צוקומען דערצו מזיקים.

**אז** ביי יעקב האבן זיך געטוישט די מלאכים, די מלאכים זענען ארויפגעגאנגען, און עס האט גענומען א רגע ביז די אנדערע מלאכים זענען אראפגעקומען, והנה ה' נצב עליו לשומרו, איז דער אייבערשטער געשטאנען דארט, און ער האט אים אפגעהיטן אין די צייט, אז עס זאל אים גארנישט פאסירן.

*

**דער רמב"ן** (לב-ב) פרעגט א שטארקע קשיא, וואו איז יעקב געווען יעצט, ווען עס איז געווען וישלח יעקב מלאכים לפניו. ער איז נאכנישט געווען אין ארץ ישראל, ער איז נאך געווען אין חוץ לארץ, ער איז געווען אויפן וועג אהיימצוקומען אויף ארץ ישראל. ער איז ערשט אנגעקומען קיין ארץ ישראל, ווען ער איז אנגעקומען אויף שכם, אזוי ווי דער פסוק (בראשית לג-יז) זאגט ויעקב נסע סוכתה, און נאכדעם איז ער געקומען אויף שכם אשר בארץ כנען. אבער דא, פאר ער האט זיך געטראפען מיט עשו, איז ער נאך געווען אין חוץ לארץ. פרעגט דער **רמב"ן**, ווי קומען אהער מלאכי ארץ ישראל אין חוץ לארץ, ער איז נאך נישט ביי די גרעניץ. און דער **רמב"ן** ווענדט אפ רש"י'ס פשט, אז די מלאכים זענען נישט געווען קיין מלאכי ארץ ישראל, ווייל יעקב איז נישט געווען אין ארץ ישראל.

**עס** קען אפשר זיין, אז דער פשט דערפון איז, עס שטייט אין רש"י (במדבר כא-טו), אז ווען יודען זענען אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, האבן זיי געדארפט אדורכגיין א נחל, א טאל, וואס פון די צוויי זייטן זענען געווען בערג. און די אמוריים האבן זיך באהאלטן אינווייניג אין די בערג, אז ווען יודען וועלן אדורכגיין, וועלן זיי אראפווארפען פון דער הייעך חצים ובליסטראות, און זיי וועלן זיי הרג'ענען. ווען יודען האבן געדארפט דארט אדורכגיין, איז נזדעזע די הר פון ארץ ישראל, און עס איז אקעגנגעקומען אזוי ווי א שפחה וואס גייט ארויס מקבל זיין פני גבירתה, איז געקומען די בארג פון ארץ ישראל מקבל פנים זיין יודען. און עס זענען אריינגעגאנגען די לעכער פון דעם בארג אין יענעם בארג, און אזוי זענען גע'הרג'עט געווארן די אלע אמוריים וואס זענען געווען דארט. און ווען עס האט זיך שפעטער צוטיילט, האט מען געזעהן ווי אזוי עס גיסט זיך די בלוט פון די אמוריים.

**זעהט** מען, אז ווען א צדיק קומט אריין קיין ארץ ישראל, יודען זענען דעמאלטס אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, איז נזדעזע ארץ ישראל, און עס איז אקעגן געקומען מקבל פנים זיין יודען. עס שטייט נישט ביי יעקב אבינו אז עס איז אזוי געווען, אז ארץ ישראל האט זיך געריקט צו אים. דארט איז געווען גאנץ כלל ישראל, און עס האט געדארפט זיין דער נס מיט די אמוריים. אבער עס איז מסתבר צו זאגן, אז אוירא דארץ ישראל איז געקומען מקבל פנים זיין יעקב, וואו ער איז געווען. קומט אויס, אז אזוי ווי יעקב איז טאקע נאך נישט געווען אין ארץ ישראל, אבער אזוי ווי אונז זעה מיר אז א הר קען אקעגן קומען מקבל פנים זיין, איז דאך א כל שכן אז די אוירא דארץ ישראל, קען אוודאי אקעגן קומען מקבל פנים זיין. איז יעקב געווען דעמאלטס אין חוץ לארץ, אבער אזוי ווי די אויר פון ארץ ישראל איז שוין אהינגעקומען דארט, איז צוזאמגעקומען דארט אויף דעם פלאץ חוץ לארץ מיט ארץ ישראל צוזאמען. געווען איז ער אין חוץ לארץ, אבער די אויר פון ארץ ישראל איז געקמען מקבל פנים זיין יעקב. האבן די מלאכי ארץ ישראל געקענט אראפקומען דארט, ווייל זיי האבן געקענט אראפקומען אין א אויר פון ארץ ישראל וואס איז אהינגעקומען.

**ווען** יעקב אבינו איז אוועקגעגאנגען פון ארץ ישראל קיין חרן, איז ווען ער איז געקומען צו די גרעניץ זענען די מלאכי ארץ ישראל ארויפגעגאנגען, און די מלאכי חוץ לארץ זענען דעמאלטס אראפגעקומען, האט ער אייביג געהאט נאר איין מחנה. אין ארץ ישראל איין מחנה, און אין חוץ לארץ די צווייטע מחנה. אבער ווען יעקב איז צוריקגעקומען פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל, קומט ער דאך צוריק צו זיין וואוינונג, און דעמאלטס איז ארויסגעגאנגען די אוירא דארץ ישראל מקבל פנים זיין, האט ער געהאט ביי זיך סיי ארץ ישראל און סיי חוץ לארץ, האבן געקענט זיין דארט ביידע, סיי די מלאכי ארץ ישראל און סיי די מלאכי חוץ לארץ.

**ויעקב** הלך לדרכו, ויפגעו בו מלאכי אלקים, ער האט פונקט באגעגענט מלאכי אלקים. ווי קומען אהער מלאכי אלקים דא אין חוץ לארץ. ויאמר יעקב כאשר ראם, מחנה אלקים זה, און ער האט גערופן מקום ההוא מחניים. דער מקום איז א אינטערעסאנטער מקום, ווייל דא קענען זיין מחניים, דא קענען זיין ביידע מחנות. אז אוירא דארץ ישראל איז אהערגעקומען קיין חוץ לארץ, איז ממילא דער מקום מחניים. עס איז דא מלאכי ארץ ישראל און מלאכי חוץ לארץ צוזאמען.

**מען פארט יעצט קיין ארץ ישראל, זאלן זיי אקעגן קומען, כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך.**

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **יוסף דוד טובל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף שמואל ביללער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **חיים וויינבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מאיר גוטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אנשי ספרד. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אהרן משה וועבער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק צבי פיל** הי"ו, שהתקיים באולם פאלאס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משה יעקב שאלאמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **עזרא דייטש** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז.

*

***יום שני פרשת וישב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב

**רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אצל משפחת הר"ר **מענדל קליין** ע"ה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אהרן געשטעטנער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם יחיאל קרויס** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של נכד **כ"ק האדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א**, עב"ג בת **הרה"ג רבי נחמן כהנא שליט"א**, שהתקיים באולם פרדס צבי.

*

***יום שלישי פרשת וישב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יהודא זינגער** הי"ו, ולבן הר"ר **מאיר זאב גאלדבערגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בבואנו לתאר ימי אורה ושמחה שהיתה מנת חלקם של מאות אנשי שלומינו שיחי' שהצטרפו למסעו המרומם של **רבינו שליט"א**, רבים המה רגשי הלב החקוקים במורשי לבבות אנ"ש, אשר בל יתואר עלי גליון, הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא.

אם אמרנו נספרה כמו, רגשות הומים בעיר קדשינו ותפארתינו, התפילות ובקשות במקומות הקדושים בהשתפכות הנפש, ועל כולנה תוקף תפארתו של השבת הנשגב והמרומם בעיה"ק מירון, התפילות הנלהבות ברוב עם, וסעודות יום השבת שעות ארוכות מלאים זיו ומפיקים נוגה, עלי' לציון הרשב"י ואחריו מעמד ההדלקה והריקודין עילאין טפחיים מעל הקרקע בחצר הרשב"י, מעמדי ההוד בשמחת הבר מצוה, ביקורי כבוד ועוד רבות.

כדי שיהא רישומו ניכר, חרטנו בקוצר אמרים סדר ימי המסע, ותוכן שיחות ודברות קודש שנשמעו **מרבינו שליט"א** משך ימי הביקור, וישמע חכם ויוסיף לקח להזכר מעשים רבים טובות זכרונות, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו.

ביום שנכפל בו כי טוב, בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** בליווי פמליא מבני המשפחה ומאנשי שלומינו לשדה התעופה בדרכו לנסוע לארצינו הק', לרגל שמחת הבר מצוה של נכדו החשוב כמר **אברהם דוד** נ"ו בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, ולשבות שבת קודש בעיר הק' מירון, בהתאסף מאות אנשי שלומינו לחסות בצל הקודש.

לרגל הנסיעה הרוממה יצא לאור על ידי '**מכון מעדני מלך**' חוברת מיוחדת '**משמני הארץ**' מלאים זיו ליקוט נפלא מתורתו ואמרותיו של **רבינו שליט"א** על גודל מעלת וקדושת הארץ והמסתעף.

*

***יום רביעי פרשת וישב***

בשעות הבוקר הגיע חושק לנחשק, ונחת **רבינו שליט"א** בשדה התעופה בארץ ישראל. שם קיבלו פניו אנשי שם מבני ציון היקרים, וגם משלחת נכבדה מחסידי וויזניץ בארה"ק. - מפאת דוחק הזמן, שהגיע סוף זמן תפלה, התפללו תפלת שחרית בשדה התעופה.

משם נסע **רבינו שליט"א** לירושלים עיה"ק לבית האכסניא בבית ידידינו הנגיד המפואר הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לבית **הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א** ממנהיגי חסידי ברסלב בארה"ק, אשר קיבל את פני הקודש ביותרת הכבוד, בחמימות ובמאור פנים.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ווי אזוי שפירט זיך דער רב?

**הגרי"מ שעכטער:** מען איז דבוק אין בורא עולם.

**א' הגבאים:** מען איז געקומען אויף א בר מצוה פון א אייניקל.

**הגרי"מ שעכטער:** מזל טוב, דער אייבערשטער זאל העלפן, עס זאל זיין מיט א פרייליך הארץ, מיט נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, זה חלקנו מכל עמלנו. עס שטייט דאך, אז דער גרעסטער תענוג אויף די וועלט איז נחת פון קינדער. און פארקערט ח"ו. דאס איז די מציאות. עס איז דא יודען וואס טוב מותם מחייהם. דער באשעפער זאל העלפן אז עס זאל נמשך ווערן, און אלע יודישע קינדער זאלן גיין אויפן ריכטיגען וועג.

**רבינו:** רש"י זאגט די וואך (בראשית לז-ב), ביקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליו רוגזו של יוסף. צדיקים זענען דאך אייביג בשלוה, און אז עס איז שוין יא דא רוגזו של יוסף, איז ער נישט בשלוה?

**הגרי"מ שעכטער:** מען דארף אבער זעהן אויף אים די שלוה. אין הארץ איז ער אלעמאל בשלוה.

**רבינו:** איז א סימן אז טאמער עס אז נוגע צו א קינד, וואס גייט נישט גוט, פעלט אין די שלוה. אלעס איז ער מקבל, אבער רוגזו של יוסף דאס איז שוין עפעס אנדערש. עס איז געווען נסתלקה ממנו שכינה וועגן יוסף, זעהט מען אז עס האט געפעלט די שמחה.

**הגרי"מ שעכטער:** דוד המלך האט געבעטן (תהלים פו-ד) שמח נפש עבדך, דער אייבערשטער זאל אביסל פרייליך מאכן פאר א יוד. ווייל ווען מיר זענען פרייליך, איז כביכול דער אייבערשטער פרייליך, בלי שום ספק.

**רבינו:** ארץ ישראל איז דאך יפה נוף משוש כל הארץ (שם מח-ג).

**הגרי"מ שעכטער:** דער **בארדיטשובער רב זי"ע** ברענגט אראפ (פ' וירא ד"ה כי ידעתיו), אז עס איז כביכול א געוואלדיגע תענוג פארן אייבערשטען, ווען פאר יודען גייט גוט, בגשמיות וברוחניות. עס איז שטארקע לשונות. מען זאל וויסען, אז דער אייבערשטער פריידט זיך ווען עס גייט גוט פאר א יוד, סיי ווען עס גייט אים גוט ברוחניות, און סיי בגשמיות.

**רבינו:** עמו אנכי בצרה (שם צא-טו). די וועלט זאגט נאך, אז דער **רבי ר' זושא זצ"ל** פלעגט יעדע נאכט נאך קריאת שמע ליינען, זאגען פארן רבונו של עולם, איך וואונטשט דיר א גוטע נאכט.

**הגרי"מ שעכטער:** אזוי?! איך האב דאס קיינמאל נישט געהערט.

**רבינו:** ער האט מסביר געווען, אז פאר א קראנקער איז דאך ביינאכט שווערער די מצב ווי בייטאג. קומט אויס אז ווען א חולה שפירט זיך נישט גוט, און עס איז עמו אנכי בצרה, איז פארן אייבערשטען אויך נישט קיין גוטע נאכט. פלעגט ער וואונטשען, אז דער באשעפער זאל האבן א גוטע נאכט. ווען פאר יודען וועט גיין גוט, וועט זיין פארן אייבערשטען אויך גוט.

**הגרי"מ שעכטער:** איך בענטש אלע קינדער, דאס איז מיין נוסח פאר יעדן יונגעל, 'זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטען, און זאלסט קענען גוט לערנען'. א קינד דארף וויסן פון קינדווייז אן, אז אלע שפע איז פון אים. איך שפיר און דאנק. אזוי שטייט (ישעיה מג-כא) עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו, איז דער פשט, ווען פאר א מענטש גייט גוט, וויל דער אייבערשטער אז ער זאל אים לויבן און דאנקען. דאס אליין איז א שטארקע קרבת אלקים, אז מען גיט פאר אים הודיה.

**רבינו:** עס שטייט אין **רמב"ן** (סוף פ' בא), אז עס איז נישט דא קיין אנדערע סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט באשאפן א מענטש, נאר כדי ער זאל דאנקען דעם אייבערשטען.

**הגרי"מ שעכטער:** אזוי איז דער לשון הפסוק, עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו. אז מען האט קינדער דארף מען דאנקען דעם הייליגן באשעפער. אז מען האט פרנסה דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען. אזוי איז מען מקשר דעם גשמיות מיטן בורא עולם. אז מען דאנקט, איז דער פשט אז דער גשמיות איז נישט נפרד ח"ו פונעם בורא עולם, ער האט דאס מיר דאך געגעבן. דארף מען דאנקען און לויבן, מען גיט א נחת רוח פארן אייבערשטען נאכדעם.

**רבינו:** גאנץ חנוכה איז דאך הודאה, להודות ולהלל. - איך קען שוין דעם רב פון די ספרים א לאנגע צייט.

**הגרי"מ שעכטער:** מען דארף רעדן אסאך, מען דארף רעדן דערפון. איך זאג אלעמאל, אז מען דאנקט, גיט מען נאך. דער אייבערשטער העלפט דיר, דאנק אים, וועט ער דיר געבן נאך. טאמער דו וועסט נישט דאנקען, איז עס א גרויסער פגם.

**רבינו:** ער איז א כפוי טובה.
**הגרי"מ שעכטער:** עס איז געווען אמאל א באמבע אין מחנה יהודא. האט מיר איינער דערציילט, אז ער האט געטראפן אין גאס א ספרדי מיט א תהלים. האט ער אים געפרעגט, ווי גייסטו. האט ער אים געזאגט, אז עס האט געפלאצט א באמבע נעבן זיין געשעפט, און ער איז געבליבן לעבן. גייט ער אין שול זאגען תהלים, דאנקען דעם אייבערשטען. ער גלייבט אין השגחה פרטיות פונעם אייבערשטען, ער זאל פונקט נישט זיין אין קלייט (געשעפט). עס דארף זיין מקושר אלע פעולות העולם מיטן בורא עולם. עס איז נישט חלילה קיין קיום נפרד. אין עוד מלבדו.
**רבינו:** מען זאגט נאך, אז עס איז אמאל געקומען א יוד אין שול צופרי, און ער האט געברענגט תיקון מזונות פארן עולם. האט מען אים געפרעגט, פארוואס ער ברענגט מזונות. האט ער געזאגט, אז ער איז אדורכגעגאנגען די גאס, און ער האט שיעור געהאט א עקסידענ"ט, און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, אז ער איז ניצל געווארן, דאנקט ער דעם אייבערשטען. דער אנדערן טאג איז אויך געקומען א יוד, און ער האט אויך געברענגט מזונות. האט מען אים געפרעגט, צו ער האט אויך געהאט נעכטען א עקסידענ"ט. זאגט ער ניין, אבער איך גיי שוין אדורך דא די גאס צוואנציג יאר, און איך האב קיינמאל נאכנישט געהאט קיין עקסידענט, ברענגט איך אויף דעם מזונות. - איינער ברענגט נאר ווען ער זעהט די צרה, און איינער דאנקט דעם אייבערשטען נאך בעפאר עס קומט די צרה. דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך אי"ה, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מתוך נחת והרחבת הדעת.
**הגרי"מ שעכטער:** אמן. דער באשעפער זאל העלפן, מען זאל זעהן נחת פון די בנים און די תלמידים, אריינשיינען אין זיי יראת שמים מיט אמונה און קדושה, חזק ואמץ.
**רבינו:** אמן, וכן למר.

**הגרי"מ העניק לרבינו שליט"א כמה מספריו על חנוכה ועניני אמונה ומידות וכו', וליוה את רבינו בדרך צאתו ונפרדו לשלום**

*

בשעות הלילה נסע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מדושינסקיא שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**נסוב השיחה על הרבצת התורה של זקינו הגה"ק מהרי"צ דושינסקיא זצוק"ל**

**רבינו:** אייער פאטער האט אויך אזויפיל פארגעלערנט וויפיל דער זיידע?
**האדמו"ר מדושינסקיא:** ניין, נישט אזוי לאנג. ער האט אויך פארגעלערנט, אבער נישט אזויפיל שעות. דער סדר איז געגאנגען אויף דעם אופן, אבער נישט אזוי לאנג. ער פלעגט אלעמאל צולייגען, אז דאס איז די גדלות פון די תלמידים אויך, עס דארף דאך זיין שומעים.
**רבינו:** די וועלט זאגט, אז די גמרא (עירובין נד:) מאכט א גאנצן עסק פון רבי פרידא, אז ער האט פארגעלערנט פיר הונדערט מאל, און נאכאמאל פיר הונדערט מאל. פארוואס מאכט מען נישט קיין עסק פונעם תלמיד וואס האט אזויפיל אויסגעהערט, אכט הונדערט מאל אויסהערן. נאר אז מען האט אזא רבי'ן ווי רבי פרידא, איז נישט קיין חידוש אז מען הערט אויס. לויט ווי אזוי עס איז דער משפיע, אזוי איז דער מקבל.
**האדמו"ר מדושינסקיא:** הגם פונעם **הפלאה** איז משמע אז דער רבי איז נאר א צינור, די גאנצע זאך איז דאך נאר דער תלמיד (עיין בהקדמת **ספר הפלאה** עמ"ס כתובות, **ובפנים יפות** פ' בלק עה"פ יזל מים מדליו).
**רבינו:** רש"י זאגט דאך ביי משה רבינו, בשבילכם הוא נדבר עמי (רש"י ויקרא א-א).
**האדמו"ר מדושינסקיא:** צא ואמור להם דברי כבושין (שם).
**רבינו:** עס איז משמע אז עס איז נישט נאר געווען א ענוה, ער זאגט דאך אז אלע ל"ח שנים לא נתייחד הדיבור אל משה, דאס איז טייטש אז עס איז געווען א מציאות אז עס איז טאקע נישט נתייחד געווארן דער דיבור די גאנצע אכט און דרייסיג יאר. עס איז א גרויסע פלא ווייל עס קומט אויס, אז דער גאנצער נתייחד הדיבור צו משה רבינו, האט נישט אנגעהאלטן מער פון דריי יאר. פון מצרים ביז צום חטא, און נאכן חטא איז נישט געווען מער פון צוויי יאר.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** עס איז א פלא, ווייל די גמרא (עירובין נד:) זאגט דארט, כיצד סדר משנה, דאס איז דאך געווען שפעטער אויך, וואס ער האט געלערנט מיטן כלל ישראל. און דאס איז שוין געווען נאכען חטא. ער איז געווען פערציג טעג אין הימל, און ער האט נישט מספיק געווען צו לערנען ביז ער איז אראפגעקומען נאכען חטא העגל ממחרת יום הכיפורים.

**רבינו:** עס איז געווען דיבורים פונעם אייבערשטען די גאנצע צייט אויך, נאר לא נתייחד הדיבור בלשון חבה, א געוויסע נקודה וואס האט געפעלט. וידבר ה' 'אלי', דאס איז נישט געווען (עיין רש"י דברים ב-ז).

*

**האדמו"ר מדושינסקיא:** מען איז געקומען צו די בר מצוה פון א אייניקעל.

**רבינו:** איך האב אויך יארצייט נאך מיין מאמע ע"ה ערב חנוכה, זי ליגט דא. איר מוטער ליגט אויך דא, ליגט זי נעבן איר מוטער.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** א בר מצוה האט דאך מיט די פרשיות. די מדרש (ב"ר פ-י) ברענגט, ויגדלו הנערים (בראשית כה-כז), שנעשו בני י"ג שנה.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין פונעם **חידושי הרי"ם** אויף די פאריגע וואך, אז שמעון ולוי האבען אויסגע'הרג'ט שכם (בראשית לד-כה), האט דער **חידושי הרי"ם** געזאגט, אז זיי זענען אלט געווען דעמאלטס דרייצן יאר, און דאס וואס זיי האבען גע'הרג'ט שכם, איז ווייל אזוי ווי די גמרא (סנהדרין נח:) זאגט, עכו"ם ששבת חייב מיתה, ווייל ער נעמט צו דעם אות פון יודען. איז א גוי וואס מל'ט זיך, נעמט אויך צו דעם אות פון יודען, איז ער אויך מחוייב מיתה. און דער **חידושי הרי"ם** האט געענדיגט, אז דאס איז געווען זייער בר מצוה פשעטל. דאס האבן זיי מחדש געווען צו די בר מצוה, אז זיי זענען מחוייב מיתה.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** וועגן דעם איז זייער גוט פארענטפערט פארוואס די גאנצע שטאט איז געווען מחוייב מיתה, ווייל אלע האבן זיך גע'מל'ט.

**הרב יחזקאל דוד לעפקאוויטש שליט"א** (מראשי הנהלת כולל שומרי החומות בארה"ק)**:** דער רב האט מדייק געווען ביים ברית (של נכד הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, שהתקיים ביום ה' העעל"ט), 'אם תהיו כמוני'.

**רבינו:** פונעם **ערוגת הבשם** שטייט א שיין ווארט, אז זיי האבן לכאורה מקיים געווען דעם תנאי וואס זיי האבן געבעטען, איז עס דאך לכאורה א ערמה, א מרמה ממש. יענער איז מקיים וואס מען זאגט אים, און מען האלט נישט ווארט. זאגט דער **ערוגת הבשם**, אז דאס וואס א יוד מל'ט זיך, שטייט אין **רמב"ם** (**מורה נבוכים** פרק מט) אז דאס איז להחליש כח התאוה. אבער זיי האבען זיך גע'מל'ט פארקערט, אז זיי זאלן קענען נעמען בנות ישראל. זיי האבען זיך אויסגענומען, טאמער עטץ וועטס ענק מל'ן 'כמוני' (לד-טו), אזוי ווי אונז, וואס אונז מל'ן זיך להחליש כח התאוה, דעם 'כמוני' האבן זיי נישט מקיים געווען, די סיבה איז דאך געווען פארקערט. און אזוי ווי זיי האבען נישט געהאלטן דעם תנאי, האט מען זיי געקענט הרג'ענען.

**וכיבד את רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. דער רב זאל אנוואונטשען, יברכך ה' מציון שטייט דאך.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** מען איז דאך געקומען אויף א בר מצוה, דער אייבערשטער זאל העלפן וראה בנים לבניך, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם.

**רבינו:** דער רב זאל אויך זיין געזונט און שטארק, און קענען מרביץ תורה זיין מיט נחת און הרחבת הדעת.

**רי"ד לעפקאוויטש:** איך בין געווען דעם שבת ביי סעודה שלישית (אצל **רבינו שליט"א**), דער רב האט זייער שיין ארומגערעדט ביי שלש סעודות וועגן לימוד התורה, און גדלות התורה פון ארץ ישראל, און פון ירושלים, און פון די תפלות אין ירושלים. מען האט שוין געזעהן דאס השתוקקות דארטן.

**רבינו:** דו האסט געהערט איינמאל יעצט, וואס דו הערסט דא יעדע וואך.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** די בתי כנסיות ובתי מדרשות האבן דאך א דין אזוי ווי ארץ ישראל, אפילו אין חוץ לארץ.

**רבינו:** עס איז נאר כעין... מען זעהט ביי משקאות אז עס איז דא אזא זאך וואס איז בעצם

א משקה, און עס איז דא א זאך וואס האט נאר די טעם דערפון. די בתי כנסיות און בתי מדרשות האבן נאר די טעם דערפון, דא איז עס בפועל. ונזכה ונחיה ונראה...

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך שטענדיג טרעפן מתוך שמחה.

**וליוה האדמו"ר מדושינסקיא את רבינו שליט"א בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

משם נסע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א. האדמו"ר שליט"א** ביקש **מרבינו שליט"א** לבא ולחזות בקיבוץ הגדול שהתקיים בבית מדרשו, בהתאספות קהל חסידיו, לעורר בסכנת כלי הטעכנאלאגיע למיניהם. ודיברו ביניהם בסוד שיח אודות מצב הדור בהשתמשות בכלים הללו.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מתו"א:** ב"ה דער עולם פאלגט. אפילו די טעלעפאן וואס זענען אינגאנצן כשר, איז אויסגערייניגט כמעט אינגאנצן.

**רבינו:** ווי אזוי שפירט מען זיך.

**האדמו"ר מתו"א:** ב"ה. ווען מען טרעפט זיך מיט אלטע גוטע פריינד, גיט דאס א חיזוק און א עידוד.

**רבינו** (פנה אל בנו **הרה"ג רבי נחום קאהן שליט"א** רב דביהמ"ד תולדות אהרן שכונת קנה בושם בבית שמש, מתלמידי **רבינו שליט"א** בישיבת סאמבאטהעלי): וואו וואוינסטו?

**הגר"נ קאהן:** אין בית שמש. איך האב פארציילט פארן רב, ווען עס איז געווען די מעשה מיט די מקוה מיט די חלום. דער רב געדענקט זיכער[א].

**האדמו"ר מתו"א:** ער האט געבויט די מקוה אין בית שמש.

**הגר"נ קאהן:** עס איז געווען א חלום און עס איז געקומען צו א מציאות. עס וואוינען דארט טויזנטער יודען, און עס איז נישט געווען א מקוה. דער רב איז דעמאלטס געקומען זאגען, עס איז געווען א אינטערעסאנטע זאך.

**האדמו"ר מתו"א:** מיט די דירות איז זייער שווער דא.

**רבינו:** ביי אונז איז אויך געווארן שווער מיט די דירות. אין וויליאמסבורג און בארא פארק, מען קען נישט קויפן, און מען קען נישט וואוינען.

**האדמו"ר מתו"א:** די יודען וואס ארבעטן מיט ריעל עסטעיט זענען מצליח דארטן.

**רבינו:** יא, אבער עס איז שווער פארן המון עם צו קויפן וכדומה. עס ציהט זיך א גרויסער עולם ארויס אויף לעיקוואוד און אויף מאנסי.

**האדמו"ר מתו"א:** דארט איז אויך טייער.

**רבינו:** דארט קען מען נאך צו עפעס צוקומען. מעין פון בית שמש דא, מען ציהט זיך ארויס אויסער די שטאט.

**הגר"נ קאהן:** שומרי החומות האט דארט אויך. די רב דארף קומען זעהן וואס דארט טוט זיך. בית שמש איז היינט א עיר ואם בישראל.

**רבינו:** עס איז אינגאנצן א פאר יאר אלט.

**האדמו"ר מתו"א:** דא אין ירושלים איז כמעט נישט דא קיין דירות, עס איז פשוט נישט קיין מציאות.

**רבינו:** דער עולם וויל דאך אבער וואוינען נאנט צום רבי'ן.

**האדמו"ר מתו"א:** מען דארף האבען ישוב הדעת.

**א' מהגבאים:** בית שמש איז נאר א האלבע שעה אוועק פון דא.

**רבינו:** אבער שבת קען מען נישט קומען.

**האדמו"ר מתו"א:** היינט איז שוין בית שמש אויך פיל, מען גייט קיין טבריה.

**רבינו:** עס איז הפלא ופלא די גמרא (ברכות ח.) זאגט אויף שלמה המלך, אז וויפלאנג זיין רבי שמעי בן גרא האט געלעבט, איז ער נישט צוגעקומען צו נעמען בת פרעה.

**האדמו"ר מתו"א:** אשרי מי שרבו בעירו. וויבאלד זיי האבען א דרך, און מען גייט אויף דעם וועג, גייט עס.

---

[א] **רבינו שליט"א** ראה בחלום הלילה (בשהותו בפאלם ספרינגס, בחודש אדר תשע"ד לפ"ק) את **האדמו"ר מתולדות אהרן זי"ע**, וביקש האדמו"ר ממנו שינדב סכום מעות עבור המקוה שבונים כעת בק"ק תולדות אהרן, נדר **רבינו שליט"א** בחלום לטובת המקוה. למחרתו שלח **רבינו שליט"א להאדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** ששהה בהאט ספרינגס, סכום הגון עבור המקוה. עיין בשו"ע יו"ד סימן ר"י סעיף ב' בדין הנודר בחלום, **ובפתחי תשובה** שם סק"ב. וראה עוד בגליונינו פרשת ויקהל תשע"ד לפ"ק.

**רבינו:** נראית לו דמות דיוקנו (רש"י בראשית לט-יא). כאטש האבן פאר די אויגן.

**האדמו"ר מתו"א:** עס איז א גרויסע מעלה, די יונגעלייט שטייען אויף פארטאגס דארט אין בית שמש, און מען דאווענט צוזאמען, און דאס האלט אז מען זינקט נישט אין שטראם פון די גאס, און די מותרות.

**הגר"נ קאהן:** ווען מען איז געגאנגען קיין בית שמש, האט די טאטע די ערשטע זאך געפאדערט אז עס זאל זיין א כולל. ווייל די יונגעלייט האבן חתונה פרי, און אויב מען האט נישט קיין כולל גלייך נאך די חתונה, ווערט מען ממש..., האט מען ב"ה אויפגעשטעלט א רשת פון כוללים פון אינדערפרי ביז ביינאכט, עס איז דא א קול תורה וואס איז בוקע ועולה.

**האדמו"ר מתו"א:** די תורה דאס האלט זיי.

**רבינו:** אז מען הייבט אן די טאג גוט.

**האדמו"ר מתו"א:** מען דארף די תפלות פון גוטע פריינד.

**רבינו:** אן תפלה איז נישט דא גארנישט.

**האדמו"ר מתו"א:** מען דארף אסאך תפלות און ישועות ברוחניות ובגשמיות, געזונט און אלע ענינים.

**רבינו:** תפלה איז דאך עושה מחצה (ויק"ר י-ה), און די צווייטע תפלה מאכט פון די מחצה נאך א מחצה. און די דריטע מאכט נאך א מחצה. יעדע תפלה טוט עפעס אויף.

**האדמו"ר מתו"א:** יעדע תפלה איז דאך א שטיינדל, אבנים, אבנים שלמות תבנה (דברים כז-ו), גייט ארויף אויף די אותיות. א תפלה דא, און א תפלה דארט, דאס אלעס צוזאמען בויעט.

**רבינו:** שטיינער בויען, און שטיינער צוברעכן אויך וואס מען דארף נישט, די גזירות.

**האדמו"ר מתו"א:** אין ארץ ישראל איז די גזירות געפערליך. דער אייבערשטער זאל אפהיטן. די מיליטער און אנדערע זאכען, די כלים, און מען דארף שטיין פעסט.

*

**רבינו:** די קומענדיגע וואך איז די יארצייט פונעם טאטען. וויפיל יאר איז פון די פטירה.

**האדמו"ר מתו"א:** איין און צוואנציג.

**רבינו:** די יונגעלייט געדענקען שוין גארנישט.

**הגר"נ קאהן:** די וואס הייסען אברהם יצחק האבן שוין קינדער.

**האדמו"ר מתו"א:** ער האט אלץ גערעדט, משיח קומט שוין. ער האט אזוי געהאפט. ער האט אריינגעגעבן אזא מין אמונה אין משיח.

**הגר"נ קאהן:** ער פלעגט זאגען אויף תש"ס וואס עס שטייט אין **חסד לאברהם**, אז עס וועט שוין זיין אסאך נאך די גאולה. ער פלעגט עס זאגען מיט אזא פשטות.

**רבינו:** איך האב געהערט פון אים אמאל, אויפן **הוניאדער רב זצ"ל**, אז מען האט אים געפרעגט, אז עס שטייט (סנהדרין צז.) אז אין משיח בא אלא בהיסח הדעת, ווי אזוי קען זיין אז מען זאל מסיח דעת זיין. האט ער געזאגט, וויפיל אונז טראכט מיר דערפון, הייסט עס נאך אלץ היסח הדעת.

**הגר"נ קאהן:** ער ברענגט עס אין די הקדמה פון **דרך אמונה.**

**כאן הגיעו הגה"צ רבי ישראל חיים קאהן שליט"א אדמו"ר מנחלת אהרן – בית שמש, ואחיו הגה"צ רבי משה קאהן שליט"א ר"י תולדות אהרן.**

**וכיבד את רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מתו"א:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך קענען זעהן מיט פרייליכע הערצער, געזונטע געבענטשע יארן, מען זאל קענען להגדיל תורה ולהאדירה, מיט סייעתא דשמיא. מען זאל קענען אויפהייבן יודישע קינדער, און אונז אויך.

**רבינו:** וכן למר, מען זאל קענען מרביץ תורה זיין מיט נחת און הרחבת הדעת, עס זאל אלעס גרינג אנקומען להגדיל תורה ולהאדירה.

**האדמו"ר מתו"א:** איך האב היינט געהאט צוויי אייניקלעך.

**רבינו:** מזל טוב, מיט שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

**א' מהגבאים:** דער וויענער רב מאכט בר מצוה א אייניקל.

**האדמו"ר מתו"א:** אין א גוטע שעה אי"ה.

**רבינו:** די מאמע'ס יארצייט איז אויך די אנדערע וואך, ערב חנוכה. זי ליגט דא. די לויה איז אדוכגעגאנגען דא ביים בית המדרש.

מיין ברודער **רבי שלמה זלמן** (**גאב"ד תולדות אהרן ומסב"ג זצ"ל**) האט מיר אמאל געזאגט, אז

איינמאל יום הקדוש אינדערפרי, האט אים דער טאטע (האדמו"ר מתו"א זצ"ל) געזאגט, אז איך האב די נאכט געחלומ'ט פון דיין מאמע. האט ער אים געפרעגט, וואס. האט ער געזאגט, איך וועל דיר שוין זאגן. מוצאי יום הקדוש האט ער אים איבערגעפרעגט, האט ער געזאגט, איך געדענק שוין נישט. גאנץ יום הקדוש איז ער געווען צורודערט.

**האדמו"ר מתו"א:** בחלום אדבר בו.

**רבינו:** זיי זאלן זיין מליצי יושר פאר אונז אלע.

**האדמו"ר מתו"א:** דור הולך ודור בא.

**רבינו:** דעם דור הולך זעהט מען, אבער דעם דור בא וויל מען נישט זעהן. עס איז א אנדערע וועלט. זיי ווייסען אפילו נישט וואס עס פעלט זיי. ווער עס האט עס נישט געזעהן אליין, ווייסט נישט ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן.

עס איז א פלא, ווען ער איז נישט געזונט געווען, האט זיין צורה אזוי געלאכטען. פרייטאג צו נאכטס ווען מען האט אים ארויסגעברענגט אין בית המדרש[ב].

**האדמו"ר מתו"א:** חביב אדם שנברא בצלם, חיבה יתירה נודעת לו שנברא בצלם, שנאמר (בראשית ט-ו) כי בצלם אלקים עשה את האדם (אבות ג-יח). אין א צלם אלקים איז דא עפעס. דער אייבערשטער זאל העלפן די זכות זאל ווייטער מגין זיין.

**רבינו:** אין די מפרשים שטייט, אז די חיבה איז, אז ער איז נברא בצלם, אבער נישט אייביג פארשטייט מען וואס דער חיבה איז. דער חיבה יתירה איז, אז מען האט זיי מודיע געווען וואס דאס מיינט א צלם. חיבה יתירה נודעת לו, די חיבה יתירה ליגט אין דעם 'נודעת'. אמאל האט מען א טובה, און מען ווייסט נישט וואס מען פארמאגט. די חיבה יתירה איז, אז מען ווייסט.

---

[ב] מתוך דברי **רבינו שליט"א** בסעודה שלישית פרשת ויגש תשנ"ז לפ"ק: זה זמן לא כביר, נסתלק מאתנו **הרה"ק האדמו"ר מתולדות אהרן זי"ע**, אשר גם בשנות חליו, כאשר שכב על ערש דוי ברב יסורין, פניו היו בוערים כלפיד אש, ולא סר תוארו שהיה עליו באמנה אתו, בימי קדם כאשר עבד עבודתו בכל דביקות נפשו. ואף כאשר הספר תורה היה שרוי בצער, ראו בחוש צורת צדיק תמים, אשר מחשבתו דבוקה בה' (נדפס **בשמן ראש** חלק תשיעי בראשית דף שנב עיי"ש).

**האדמו"ר מתו"א:** דאס איז דער המשך כי בצלם אלקים עשה את האדם. די גאנצע עשיה פונעם מענטש, די שלימות ליגט אינעם צלם אלקים.

**רבינו:** מען זאל זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה ווייטער אויך, מיט אלעם גוטן.

**האדמו"ר מתולדות אהרן ליוה את רבינו שליט"א ונפרדו לשלום**

*

## *יום חמישי פרשת וישב*

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בבית המדרש פאפא עם בחורי ואנשי שלומינו, ולא אמרו תחנון. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל י"ט כסלו יומא דהילולא של **הרה"ק המגיד הגדול ממעזריטש זי"ע**.

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** בליווי קהל גדול מאנשי שלומינו שהצטרפו להנסיעה הרוממה, להר הצופים מול מקום המקדש. בראותו את מקום המקדש קרע **רבינו שליט"א** קריעה כדין, טפח בצד שמאל מהבגד, והורה **רבינו שליט"א** לומר מזמור ע"ט שבתהלים. אחר כך השמיע מדברות קדשו בגודל קדושת המקדש, שמשם התפשט קדושה וטהרה בכל העולם.

## *וזה תוכן הדברים:*

**ארץ** ישראל נבראת תחלה (תענית י.), ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן קודם ארץ ישראל. ארץ ישראל איז באשאפן געווארן די ערשטע, פונעם אבן שתיה. פון דעם מקום האט דער אייבערשטער אנגעהויבן צו באשאפן די וועלט, און פון דא איז נתפשט געווארן די גאנצע וועלט. אזוי ווי א מענטש איז צוזאמגעשטעלט פון רמ"ח אברים ושס"ה גידים, אבער אלעס ליגט אינעם מוח. אז א מענטש קען זיך רירן די הענט און די פוס, איז עס די מוח וואס פירט עס. ל"ע ווען מען באקומט א סטרוי"ק, וואס די הענט און די פוס ארבעטן נישט, איז נישט די פראבלעם מיט די הענט, די פראבלעם איז אינעם מוח. די מח פון די וועלט, איז אינעם מקום המקדש. פון דא איז נתפשט געווארן די גאנצע וועלט.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא קדושים י), אז ארץ ישראל האט גידין צו אלע מקומות אין די וועלט. שלמה המלך האט געוואוסט יעדע פלאץ ווי די אדער גייט פון דעם מקום, און וועגן דעם האט ער געוואוסט וואו מען דארף איינפלאנצן פלפלין אדער אנדערע זאכן, ווייל ער האט געוואוסט די שורש פון וואו עס קומט אן. ווען יעקב אבינו איז דא געווען, האט ער משיג געווען אז דאס איז דער אבן שתיה, וואס פון דא איז באשאפן געווארן די גאנצע וועלט. אלעס וואס טוט זיך אפ אין די בריאה, איז אלעס קאנצענטרירט אין די מוח פון די וועלט. אלע פראבלעמען וואס א מענטש האט, אלע תפלות און בקשות, דארפן אנקומען צום מוח, עס דארף אנקומען צום קדשי קדשים, פון דא קומט די חיות און די השפעה פאר די וועלט. ממילא אז פאר א מענטש פעלט עפעס, מוז ער צוריקגיין צום שורש, און פון דארט דארף ער געהאלפן ווערן. וועגן דעם ביי אלע תפלות וואס א יוד איז מתפלל, דארף מען שטיין מיטן פנים אקעגן דעם בית המקדש (ברכות ל.), ווייל דארט איז דער אבן שתיה, פון דארט איז באשאפן געווארן די וועלט, ליגט דארט דער שורש און דער כח פאר די גאנצע וועלט.

**מען** זעהט אז אפילו ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, האט דער אייבערשטער נישט איבערגעלאזט דעם כותל המערבי. מעולם לא זזה שכינה מכותל המערבי (שמו"ר ב-ב), אפילו ווען די שכינה איז געגאנגען אין גלות, איז דא א געוויסע השראה וואס דער אייבערשטער האט געלאזט אויף דעם מקום. עס שטייט אין **ישמח משה** (סוף פ' פקודי) ה' אמר לשכון בערפל (מלכים א ח-יב), זאגט ער, ווען עס וואלט נישט איבערגעבליבען די השראת השכינה אויפן כותל המערבי, וואלט מען נישט געקענט האבען א קיום אין די וועלט. דאס וואס כלל ישראל האט א קיום אויף די וועלט, איז ווייל עס איז געבליבען די השראת השכינה אינעם מקום המקדש.

**אלעס** איז תלוי אינעם מח, וואס דאס איז דער אבן שתיה. ווען עס וואלט געווען א חורבן אין בית המקדש, אינגאנצן, עס וואלט נישט איבערגעבליבן קיין שום זאך פונעם בית המקדש, וואלט געווען א חורבן אין די גאנצע וועלט. ווייל אז דער מח איז חרוב, איז אלעס חרוב. האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט אז א חלק פון די השראת השכינה, זאל בלייבען דא אויף שטענדיג, כדי עס זאל נישט זיין א חורבן אויף די וועלט. און יעדע מענטש אליין, ווען עס וואלט נישט איבערגעבליבן דא א מקום השראת השכינה, ווען ער וואלט געהאט א חורבן אין זיך, וואלט עס געווען א חורבן עולמית, ער וואלט זיך נישט געקענט צוריקכאפן. דאס וואס עס איז לא ידח ממנו נדח, אז א מענטש קען זיך צוריקהאלטן, דאס אלעס איז געבליבן פון דעם מקום המקדש, פון די שורש פון די וועלט, איז אלץ געבליבן א פלאץ, וואו דער חורבן האט נישט שולט געווען. און אז דער חורבן האט נישט שולט געווען דארט, איז יעדער מקום אין די וועלט, וואו עס זאל נאר זיין א חורבן בלייבט אבער עפעס א חלק אויף וואס עס איז נישט שולט דער חורבן.

**און** עס איז ביי יעדע מענטש בפרטיות, מען דארף זיך קיינמאל נישט מייאש זיין, עס איז לא ידח ממנו נדח. אינעם גרעסטן חורבן, בלייבט אייביג איבער א נקודה פון וואו מען קען זיך אויפהייבען. ווען עס וועט קומען די גאולה, וועט עס פון דא נתפשט ווערן אויף די גאנצע וועלט. ונזכה ונחיה ונראה, ותחזינה עינינו בשובך לציון.

*

**א' מהנוכחים:** דאס וואס מען זעהט אז די אראבישע טומאה איז אויפן מקום המקדש, איז וועגן ווי גרויס די קדושה איז, אזוי גרויס איז די טומאה?

**רבינו:** דאס איז זאכען וואס מען פארשטייט נישט. עס איז העכער פון אונזער פארשטאנד. עס שטייט אין **צמח ה' לצבי** (פ' שופטים), אז עס ליגט נישט אויפן מקום המקדש, עס איז אנדערע ערד וואס מען האט אהערגעברענגט.

**די** חומה איז אויך א נייע חומה, דער טערקישער מלך האט עס געמאכט. די חומה

האט גארנישט צוטון מיט די חומת הבית המקדש. דער כותל איז פונעם בית שני, די הר הבית איז געווען ארומגענומען מיט א חומה, און דער חלק איז געבליבן. נישט פונעם בית המקדש, נאר פונעם הר הבית איז עס געבליבן. דאס מיינט אז ווען מען גייט אריבער דעם כותל איז מען נאכנישט אינעם בית המקדש. מען איז נאר ארויף אויפן הר הבית, נאכדעם איז געווען א גאנצער וועג פונעם הר הבית ביז מען איז אנגעקומען אויבן, און דארט איז געווען דער מקום המקדש.

מען געפונט אין די גמרא (גיטין נז.) אז עס איז נתכווץ געווארן דער מקום. גאנץ ירושלים איז געווען אסאך גרעסער, עס איז געווען ברייטער, עס איז ארץ צבי (דניאל יא-טז), ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען, איז עס נתכווץ געווארן.

לאחר ששרו ניגון 'ותחזינה עינינו' אמר **רבינו שליט"א** בצהלת פנים ומאירה: יפה נוף משוש כל הארץ. עצם הסתכלות על המקום מכניס שמחה בלב האדם.

המשיכו לשור ניגוני התעוררות, 'יודע בגוים וכו', בנה ביתך וכו', רחם בחסדך וכו', יבנה המקדש וכו', כשכל הזמן עמד **רבינו שליט"א** בשקט ודממה, ועיניו מלאות דמעות מסתכלות על מקום הקודש והמקדש.

*

אחר כן נסעו לעיר העתיקה בחצר העומד מול הכותל המערבי, **ורבינו שליט"א** עומד ועיניו משוטטות על המקום הקודש שריד בית מקדשנו, כשהעם קהל הק' מסביבים אותו כחומה, למשך דקות ארוכות. אחר כך התחילו באמירת עשרה פרקי תהלים (א-י) והיהי רצון לאחריו וקדיש. **רבינו שליט"א** הורה לשיר ניגון והתחילו 'על נהרות בבל', 'אני מאמין בביאת המשיח', וניגון עליז 'בנה ביתך' ויצאו בריקוד בתפלה ובתקוה שנזכה לראות בבנינה ולשמוח בתיקונה.

אחר כך טייל **רבינו שליט"א** בעיר העתיקה, ונכנס לביקור ב'חדר זילבערמאן'. המלמד בחן את הילדים בפני **רבינו שליט"א** פרקי משניות בעל פה,

**ורבינו שליט"א** בירך את התלמידים, באמרו שנהנה מאוד מרוחב בינתם וידיעתם, ושיזכו להתגדל תלמידי חכמים ויראי ה'.

משם נסעו לעיר בית לחם, מקום קבורת רחל אמנו ע"ה. **רבינו שליט"א** השמיע דברות קודש לפני אמירת עשרה פרקי תהלים (יא-כ). אחר היהי רצון ואמירת קדיש, התפללו שם תפלת מנחה בהתעוררות רב.

***<u>וזה תוכן הדברים:</u>***

**מען** זאגט ביים דאווענען פרייטאג צו נאכטס, התנערי מעפר קומי, לבשי בגדי תפארתך עמי, על יד בן ישי בית הלחמי, קרבה אל נפשי גאלה. דער פשוט'ער פשט איז, 'על יד בן ישי', גייט ארויף אויף מלך המשיח, 'בית הלחמי', וואס שטאמט פון בית לחם. בועז מיט רות זענען אנגעקומען קיין בית לחם, און דארט האבן זיי אויפגעשטעלט זייער שטוב. 'קרבה אל נפשי גאלה', זאל דער אייבערשטער מקרב זיין אונזער גאולה. פארוואס שטייט 'קרבה' אל נפשי גאלה, ער וועט דאך זיין דער גואל. בן ישי בית הלחמי וועט גואל זיין יודען. וואס איז דער 'קרבה' אל נפשי גאלה, דער אייבערשטער וועט מקרב זיין די גאולה אל נפשי.

**דער** פשוטער פשט איז, אז עס שטייט אין מדרש (תנחומא אחרי יב), ישראל נושע בה' תשועת עולמים (ישעיה מה-יז), די אלע גאולות פון יודען ביז יעצט, זענען געווען דורך א שליח, און וועגן דעם איז עס נישט געווען א גאולה נצחית. אבער די גאולה העתידה וועט זיין דורכן אייבערשטען אליין, ישראל נושע בה'. תשועת עולמים, וועגן דעם וועט עס זיין א ישועה נצחית. קומט אויס, אז אפילו ווען משיח וועט זיין דער גואל ישראל, וועט עס נישט זיין אז ער וועט זיין דער גואל, ער וועט נאר מקרב זיין די גאולה. די גאולה וועט זיין פונעם אייבערשטען אליין, ישראל נושע בה' תשועת עולמים.

**עס** קען זיין, עס שטייט אין מדרש (פתיחתא איכה כד), אז בשעת דעם חורבן, האבען אלע אבות ממליץ געווען אויף יודען, און דער אייבערשטער האט אלע מדחה געווען, ביז רחל

איז צוגעקומען, און זי האט פארגעשטעלט אירע טענות פארן אייבערשטען, האט דער אייבערשטער געזאגט, מנעי קולך מבכי, ושבו בנים לגבולם (ירמיה לא-יז), אין זכות פון רחל, וועלן יודען ארויפקומען צוריק צו זייער גבול. די גאנצע טעם פארוואס רחל ליגט דא, ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל, און יעקב האט איר באגראבן אויפן וועג, איז כדי אז ווען מען וועט גיין אין גלות, זאל מען אדורכגעגאנגען דעם וועג, און די מאמע רחל זאל מעורר זיין רחמים.

**פארוואס** איז פונקט רחל מעורר רחמים, מער ווי די אנדערע אבות און אמהות? ווייל רחל האט געטון א זאך, וואס מען געפונט נישט ביי קיין אנדערן. זי האט זיך מפקיר געווען פאר א צווייטען. לאה האט איבערגענומען איר פלאץ, און זי האט עס געטון מיט איר רצון. זי האט איבערגעגעבן די סימנים, און זי האט געוואוסט אז זי גייט פארלירען יעקב דורך דעם. רחל האט זיך מפקיר געווען פאר א צווייטען. ווען א מענטש גיט זיך אוועק פאר א צווייטען, האט ער א כח ביים אייבערשטען אלעס צו פועל'ן. אז דער אייבערשטער זאל אויך מוותר זיין אויף זיינס, פארן כלל ישראל.

**רחל** איז בית הלחמי, מען האט איר קובר געווען אין בית לחם. זאגט מען, 'התנערי מעפר קומי, לבשי בגדי תפארתך עמי', עס גייט ארויף אויף די גאולה, 'על יד בן ישי', די גאולה וועט זיין דורך בן ישי, אבער 'בית הלחמי קרבה אל נפשי גאלה', רחל וואס ליגט אין בית לחם, זי וועט מקרב זיין די גאולה. דורך איר זכות, וואס זי איז מעורר רחמים אויבן אין הימל, דורך דעם זכות וועלן יודען געהאלפן ווערן.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, ווען יעקב האט געשיקט יוסף צו די ברודערס, האט ער אים געזאגט, הלא אחיך רועים בשכם וגו', לך נא ראה את שלום אחיך ואת שלום הצאן (בראשית לז-יג), אפילו יעקב האט נישט געוואוסט אז די ברודערס גייען אים פארקויפן, אבער די דיבורים פון יעקב אבינו איז דאך אלעס געזאגט געווארן מיט רוח הקודש. דער חורבן פון בית המקדש האט זיך אנגעהויבן פון מכירת יוסף, לא חרבה ירושלים אלא בשביל שנאת חנם (יומא ט:), און שנאת חנם האט זיך אנגעהויבן ביי יוסף מיט די ברודערס. זייט דעם חורבן פונעם בית המקדש פעלן צוויי כנפות אויבן אין הימל, עס שטייט אין **אוהב ישראל** (פ' וישב), אז ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד, דאס איז אקעגן די זעקס כנפים. און לעולם ועד, זאגט דער **אוהב ישראל**, דאס פעלט. הלא אחיך רועים בשכם, האט ער געזאגט, בשכ"ם איז די ראשי תיבות ב'רוך ש'ם כ'בוד מ'לכותו. דו זאלסטס וויסען אז דיינע ברודערס זענען רועים בשכ"ם, דאס וואס עס גייט זיך אפטון דא, דאס וועט צוברענגען דעם חורבן, אז עס וועט נאר זיין ברוך שם כבוד מלכותו, און עס וועט פעלן דער לעולם ועד. כאטש דיינע ברודערס זענען בשכ"ם, אבער דו, לך נא ראה את שלום אחיך, טו נישט אזוי ווי זיי טוען. אפילו זיי זענען נישט אויף דיין זייט, און זיי פארקויפן דיך, קוק אוועק פון אלעם, און דו זאלסט זעהן שלום אחיך.

**און** דאס איז געווען די מדריגה פון רחל, וואס רחל האט מוותר געווען פון זיך פאר א צווייטען, און אין דעם זכות וואס זי האט זיך מפקיר געווען פאר א צווייטען, איז דער אייבערשטער מקבל די תפלות וואס זי בעהט. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מעורר רחמים זיין, יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס מען דארף האבען, דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבנו לטובה, אמן.

*

אחר שהתפללו תפלת מנחה בקבר רחל, ניגשו כמה מבני ציון היקרים אנשי ירושלים, ותהלתם בפיהם שהבחינו כל הזמן שהיית **רבינו שליט"א** במקום, שלא נראה בכל השטח כלי הסמארטפאון למיניהם, ועניו זה היה להם לחיזוק גדול. **רבינו שליט"א** נהנה מאוד, ופניו הפיקו עונג למשמע הדברים, אשר זאת היתה בקשתו לפני ציבור אנ"ש לקראת הנסיעה לארה"ק[ג].

---

[ג] נציין תוכן הדברים שהשמיע **רבינו שליט"א** בסעודה שלישית פרשת וישלח העעל"ט: מען ווייסט אז בפלטרין של מלך איז אנדערש ווי ווען מען איז אינדרויסן. מען דארף זיך

משם נסעו לעיר האבות חברון, להעתיר ולעורר רחמי ישיני חברון, האבות ואמהות הקדושים. המשיכו באמירת עשרה פרקי תהלים (כא-ל). אחר היהי רצון ואמירת קדיש השמיע **רבינו שליט"א** שיחת קודש.

***וזה תוכן הדברים:***

**עס** שטייט אין **זוהר הק'** (ח"א פא.) אז אלע נשמות וואס גייען אוועק פון די וועלט, גייען זיי אדורך, דורך די מערת המכפלה. די תפלות פון א יוד גייט אדורך דעם מקום המקדש, און די נשמות צום גן עדן גייען אדורך דעם מקום.

**אויסער** די אבות ליגען דא אויך אדם און חוה. אדם איז געווען דער יציר כפיו של הקב"ה, בעשרה מאמרות נברא העולם (אבות ה-א), אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, איז באשאפן געווארן מיט א מאמר. דער אייבערשטער האט נישט צוגעטון קיין שום פעולה צו בריאת העולם, נאר מיט א דיבור איז באשאפן געווארן די וועלט. אבער אדם הראשון האט דער אייבערשטער באשאפן מיט די הענט. דער באשעפער האט גענומען עפר מן האדמה, און ער האט מגבל געווען אדם הראשון, ער איז געווען יציר כפיו של הקב"ה (בראשית ב-ז). וועגן דעם ווערט ער אנגערופן יציר כפיו, ווייל אלע זאכען וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אויף די וועלט, איז באשאפן געווארן מיט א אמירה, אן די הענט. אבער אדם הראשון איז געווען יציר כפיו של הקב"ה. דאס איז טייטש, אז אויף דעם מקום ליגט מעשי ה'. א זאך וואס דער אייבערשטער האט כביכול אהערגעשטעלט מיט די הענט.

**אדם** הראשון איז געווען עקבו מכהה גלגל חמה (ויק"ר כ-ב), ער האט אזוי געלאכטען, אז די גלגל

---

אויפפירן אנדערש ווען מען קומט אין פאלאץ פונעם מלך, ווי ווען מען איז פון דערוויייטנס. איבעראל געפונט זיך דער אייבערשטער, אבער אפילו הכי איז עס נישט דומה, אין דער תורה אליין שטייט, אז עס איז א חילוק צו מען געפינט זיך בפלטרין של מלך, צו מען געפינט זיך ערגעץ אנדערש, ולא תקיא הארץ אתכם. אין דער צייט וואס מען איז דארטן דארף מען זיך מער היטן נישט נכשל ווערן אין קיין שום זאך....

עס שטייט אין חז"ל (פסחים נ.), און עס איז על פי הלכה אזוי (יו"ד סימן רי"ד), און אין מענטשליכקייט איז אויך אזוי, אז ווען מען קומט אויף א פלאץ, דארף מען זיך פירן כחומרי המקום שיצא משם, און כחומרי מקום שהלך לשם. ווען די מלאכים זענען געקומען אויף די וועלט האבן זיי משנה געווען זייער סדר, ווען זיי זענען געקומען צו אברהם אבינו אין שטוב, האבן זיי געגעסן און געטרינקן, אפילו עס איז א זאך וואס האט בכלל נישט קיין שייכות מיט זיי, דארף מען זיך אזוי פירן, אזלת לקרתא הלך בנימוסיה (שמו"ר מז-ו).

איך האב געוואלט מעורר זיין אויף א נקודה. יעדער ווייסט, די כלים וואס איז היינט דא, און די מכשולות וואס עס איז דא דערין. און אין א געוויסע זין, איז אין ארץ ישראל שענער אויסגעשטעלט ווי אין חוץ לארץ. אין ארץ ישראל ווייסט יעדער, אז א היימישער איד האט א געהעריגע כשר'ע טעלעפאן, א טעלעפאן וואס איז מאושר. מען האט אנדערע טעלעפאנען פאר געשעפטן, ווי פאר פריוואטקייט. ביי אונז דא, איז עס נישט אזוי ווי עס איז דארט, יעדער קען עס דארט דערקענען, אפילו פון די נאמבע"ר אליינס, ווייסט מען שוין פון וואו מען רופט. עס איז דא סיבות שונות פארוואס עס איז דארט יא אזוי געווארן. דארט האבן די קאמפאניס זיך צוגעשטעלט דערצו, מען האט עס געקענט פארשאפן. מען האט דא אויך פראבירט אבער עס איז נישט געגאנגען. אבער על כל פנים עס האט זיך אזוי אויסגעשטעלט, אז ביי אונז איז מער נפרץ די סמארטפא"ן, ווי עס איז אין ארץ ישראל.

אז מען קומט אהין, און א יונגערמאן פון דא, נעמט ארויס א סמארטפא"ן וואס קיינער טוט עס נישט דארטן, יעדער ערליכער איד איז אפגעהיטן דערפון, ווייס איך נישט צו על פי דין מען מעג עס אפילו ארויסנעמען, ווען מען קומט אויף א מקום, דארף מען זיך פירן אזוי ווי דער מקום. ווען איינער פון חוץ לארץ נעמט עס ארויס ברבים, טוט ער אפקילן די ערליכקייט, און די ווארעמקייט וואס מען האט דערצו. מען זעהט דארט נישט אז א היימישער איד זאל עס טון. אויב מען דארף עס האבן געשעפטליך וכדומה, זאל מען עס האלטן ביי זיך אין שטוב, אבער ברבים זאל מען נאר נוצן א פשוטע טעלעפאן. אז מען האט געלט פאר עפעס אנדערש, האט מען געלט פאר א פשוטע טעלעפאן אויך. מען זאל זיך אפהיטן פון וואס מען דארף, ווען מען געפונט זיך דארטן.

חמה איז געווען טונקעל אקעגן עקבו פון אדם הראשון. אין **זוהר הק'** (ח"א קכח.) שטייט, אז אדם הראשון האט נישט געוואלט אריינלאזן שרה אז מען זאל איר קובר זיין. ער האט געזאגט, אז ער שעמט זיך אז ער האט געזינדיגט, און אז עס וועלן זיין דא צדיקים וואס וועלן זיין נעבן אים, וועט ער נישט קענען אדורכטראגען דעם בזיון, די בושה, וואס ער האט געזינדיגט. ביז אברהם האט אים מרצה געווען, אז ער וועט זיך אננעמען און זעהן אים מתקן צו זיין, א טובה צו טון. און חוה האט זיך נאך אלץ נישט געוואלט בארואיגן, און זי האט נישט מסכים געווען.

**עס** שטייט אין **זוהר הק'** (ח"א קכז:), אז ווען עפרון איז אריינגעקומען אין די מערה, האט ער אייביג געזעהן א טונקעלקייט, און עס האט אים אלץ אנגעכאפט א פחד אריינצוגיין. עס איז געווען ביי אים זייער א מזולזל'דיגע מקום. און ווען אברהם איז אריינגעקומען, האט ער געשפירט א טעם גן עדן אין דעם מקום.

**עס** איז דאך א מערה, ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן, איז ער געווען הויך פון די ערד ביז צו די הימל. און שפעטער ביים חטא פון אדם הראשון, איז ער געווארן הונדערט אמה (חגיגה יב.). אין מדרש (ב"ר נח-ח) שטייט, אז ווען מען האט אים באגראבן, האט מען אים איינגעבויגען, מען האט אים נישט קובר געווען גראד. די גמרא (בבא מציעא פה:) זאגט, אז אליהו הנביא קומט יעדן טאג, און ער וועקט אויף די אבות, כדי זיי זאלן מתפלל זיין. ער נעמט אברהם עקסטער און ער הייבט אים אויף, תפלה דארף דאך זיין בעמידה, שמונה עשרה דארף מען דאווענען שטייענדיגערהייט, און אליהו ווארט ביז אברהם ענדיגט דאווענען, און ער לייגט אים צוריק. נאכדעם הייבט ער אויף יצחק, און נאכדעם יעקב. און דער תנא האט אים געפרעגט, פארוואס דארפסטו פארברענגען מיט יעדן איינעם עקסטער. קענסטו דאך אויפוועקן אלע דריי אויף איין מאל, אז זיי זאלן דאווענען אין איין צייט. האט ער געזאגט, אז ווען אלע דריי אבות וואלטן געדאווענט אין איין צייט, וואלט עס געברענגט די גאולה. און עס איז נאכנישט געקומען די צייט, וועגען דעם וועקט ער אויף יעדן איינעם עקסטער.

**עשו'ס** קאפ איז אויך דא. איז א סימן אז עשו'ס קאפ האט געהאט אין זיך קדושה, ווייל אז נישט וואלט עס נישט געקענט דא ליגען. זיין גוף איז נישט געווען הייליג, אבער זיין קאפ איז געווען הייליג. סוף כל סוף איז דא תנאים און אמוראים וואס האבען געשטאמט פון עשו, זיי האבן זיך מגייר געווען (עיין **בלקוטי תורה להאר"י** עובדיה). די קאפ פון עשו איז געווען בקדושה, די גוף נישט. כי ציד בפיו, דער חלק פונעם מויל האט ער געקענט זיין א ציד פאר יצחק, ווייל זיין קאפ איז געווען הייליג. דאס איז טייטש, אז אמאל קען זיין דער קאפ הייליג, מען וויל טון גוטס, מען וויל זיין וואויל, אבער ער קען עס נישט אויספירן מן הכח אל הפועל. דער גוף טוט נישט, וואס דער קאפ וויל. עשו איז אים די קאפ געווען גוט, אבער ער האט נישט געקענט אויספירן זיינע רצונות, אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן גוף.

**ביי** דעם חורבן איז ירמיה הנביא געקומען רופן די אבות אז זיי זאלן אויפשטיין. זאלן זיי זיין מליצי יושר פארן כלל ישראל.

*

שרו: 'י-ה זכות אבות', וניגון 'אהבת עולם תביא להם וברית אבות לבנים תזכור ועוד. הקהל עברו לפני **רבינו שליט"א** בפתקאות להפקד בדבר ישועה ורחמים. והפטיר: עס שטייט די וואך אין די פרשה, וישלחהו מעמק חברון, מעצה עמוקה של אותו צדיק הקבור בחברון, זכותם יגן עלינו. - משם חזר **רבינו שליט"א** לירושלים.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר מירון, לשהות שם על שבת קודש, בהקבץ עם יחדיו המוני אנשי שלומינו שיחי'.

לעת ערב הגיע כל הקהל לעיר הקודש בהר מירון. העסקנים סידרו לכל אחד ואחד מקומו הראוי, לשבות ולהניח במשך השבת, איש על מחנהו ואיש

על דגלו, והיה מוכן ומסודר ארוחת ערב לכל הציבור הנרחב.

על פי בקשתו המיוחדת של **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א** עבר **רבינו שליט"א** לביקור במוסדות '**חסד לאברהם**' בכפר מירון. צוות המחנכים ומנהלי ותלמידי הישיבה, ועמהם שליח מיוחד **מהאדמו"ר שליט"א** המנהל הר"ר **יקותיאל יהודא פשערהאפער** הי"ו, עמדו בחוץ וחיכו לשעה המרומם הלזו לזכות לקבל פני הקודש. **רבינו שליט"א** סייר בכל חדרי הבנין כשהראש ישיבה מראה את פעולותיהם לטובה במטרה לקרב קרובים שנתרחקו, ולהכניסם שוב לחסות תחת כנפי השכינה.

בבית המדרש קידם הראש ישיבה שליט"א את פני **רבינו שליט"א** והביע בפני התלמידים גודל הזכיה שנפל בחלקם שזכו לקבל אחד מגדולי הדור וממנהיגיה. **רבינו שליט"א** השמיע מדברותיו בדברי חיזוק ועידוד להנפשות היקרות, להתחזק בתורה וביראה טהורה. ומסר להם פריסת שלום מנשיא המוסד **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א**.

לאחר שתיית לחיים, וניגוני התעוררות, שפכי כמים וכו', וטהר לבנו וכו', חילק **רבינו שליט"א** מיני מזונות להנהלת הישיבה ולכל הבחורים.

***וזה תוכן הדברים:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע בחורים וואס זיצען באהלה של תורה. דער מגיד שיעור האט פריער ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חשיבות פון דעם וואס מען זיצט אין בית המדרש און מען לערנט. מען האלט פאר חנוכה, יעדער ווייסט וואס דער נס פון חנוכה איז געווען, אז מען האט מטמא געווען דעם בית המקדש מיט אלע שמנים, און עס איז נישט געווען קיין שום טהרה, אלעס איז געווען טמא, און מען האט נישט געקענט אנצינדען די מנורה. אבער אז יודען האבן געוואלט זיין ערליך, האט דער אייבערשטער באהאלטן איין פך שמן, וואס פון דעם זאל מען קענען צינדען. עס איז געבליבן א פך שמן, און פון דעם שמן האט געקענט נאכדעם ווערן נאך שמן, אז מען זאל קענען צינדען שטענדיג בטהרה. דאס לערנט אונז, אז ווען א מענטש וויל דינען דעם אייבערשטען, אפילו אלעס ארום איז טמא, אלעס איז היפוך פון די תורה, פון דעסטוועגן דאך אז מען האט א תשוקה, אז מען וויל, גיט דער אייבערשטער די כוחות דערצו, אז מען זאל קענען שטייגען. און פון דעם דארפען מיר נעמען א מוסר השכל, אז ווען א יוד זאל אמת'דיג וועלן זיין בטהרה, אפילו אלעס ארום און ארום איז די היפוך דערפון, האט מען די כוחות דערצו, און מען העלפט צו פון הימל אז מען זאל זיך קענען רייניגען.

**עס** זיצען דא בחורים וואס געבן אוועק פון זיך, טוען זיך אפשיידען פון די טמא'נע גאס, און מען קומט אין בית המדרש און מען זיצט און מען לערנט, איז עס זייער חשוב. און דער אייבערשטער וועט העלפן אי"ה, אז עטץ וועטס שטייגען יעדער איינער לויט זיין מצב, און קענען אויסוואקסען ערליכע יודען, שומרי תורה ומצוות. דער באשעפער זאל אונז אויך מאכן נסים אזוי ווי דעמאלטס, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

**אחר** שתיית לחיים: איך ברענגט ענק א פריסת שלום פונעם **סקולענער רבי זאל זיין געזונט און שטארק**, וואס ער האט גענומען אויף זיינע פלייצעס ענק ארויסצוהעלפן. זאל דער אייבערשטער אים געבן לאנגע געזונטע יארן, און ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען, און פירן דעם גאנצן כלל ישראל.

*

***ערב שבת פרשת וישב***

*לתפלת שחרית הגיע **רבינו שליט"א** בליווי כל הקהל הק' לעיר העתיקה צפת, לבית מדרשו של **הרה"ק הבית עין זי"ע**. אחר תפלת שחרית מעורר הנפשות, וארוחת בוקר שהיה מוכן בבנין הסמוך, עברו לבית החיים העתיק. **רבינו שליט"א** עמד בגובה ההר, ובירך הברכה אשר יצר אתכם בדין וכו', והמשיכו באמירת עשרה מזמורי תהלים. ונסבה השיחה*

מקדושת המקום, ומהקדושים אשר בארץ המה, הספונים וטמונים שם.

*

***שבת קודש פרשת וישב***

איה הסופר שיוכל להעלות על הכתב השעות הנעלות של קורת רוח שעברו על מאות מאנשי שלומינו וקהל עדתינו שזכו להיות נמנים בהני חבורתא קדישתא ולחזות בנועם ה׳, ולחסות בצילא דמהימנותא של אבינו רועינו ותפארתינו **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** במשך השבת קודש, סמוך ונראה לציון המציונת של התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי. - אבל פטור בלא כלום אי אפשר, ונשתדל להעלות על גבי הכתב איזהו שירטוטין.

כד עייל שבתא כבר היה הבית המדרש (באולם יד עזרא) שהוכן במיוחד בתפארת הוד כראוי לבית אלקינו, מלא על כל גדותיו עד אפס מקום, כשכולם מתכונים עצמם לקבל נועם שבת להתעדן באהבתך וביראתך. מטעם הנהלת ׳**כולל שומרי החומות**׳ נתנדב סידורים וחומשים מפוארים לכבוד יום השב"ק הגדול, בצל **רבינו שליט"א** חבר נשיאות הכולל.

**רבינו שליט"א** עבר לתפלת מנחה, וקול אומרים הודו לה׳ פרץ מכל אחד ואחד, על כל הטוב אשר גמלנו, ואשר זכו להגיע עד הלום, יראו ישרים וישמחו ויתבוננו חסדי ה׳.

הס הושלך עת עמד **רבינו שליט"א** והשמיע מאמרותיו הטהורים, מה יפה ירושתינו ומה נעים גורלינו שזכינו להתאסף ולהתחזק יחד במשך השבת קודש הבא עלינו לטובה. אשר כל שבת היא מתנה טובה מבית גנזיו של הקב"ה, אולם נתוסף עוד שנמצאים בארצינו הקדושה שנתקדש בקדושתה מכל הארצות, ועוד יותר באתרא קדישא הדין אשר שם שוכן חמדת הלבבות התנא האלקי רבי שמעון - ברכה משולשת - אשר חוט המשולש לא במהרה ינתק. והמשיך והאריך בענין ׳טוב להודות לה׳ ביום השבת׳, ולהקדיש השבת כדי להגיד בבוקר חסדך ולזמר לשמך עליון.

בתפלת ערבית וקבלת שבת נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**, שהנעים לקבל פני שבת מלכתא בחמימות ובהתלהבות, תוך אמוני עם סגולה. לפני אמירת כגוונא שרו הניגון ׳בר יוחאי׳ בהתרוממות הנפש.

עם סיום התפלה עברו כל הקהל בסך כבני מרון לאחל ברכת ׳גוט שבת׳ **לרבינו שליט"א**, אשר התכוון כנגד המברכים באנפין נהירין ובחדוותא עילאה.

מי יתנה גודל תפארתו של סעודות השבת, שעברו בהתרוממות נפלאה, ובעונג ושמחה יתירה, כאשר **רבינו שליט"א** עורך שולחנו יחד עם עדת מרעיתו המסבבים אותו סביב לשולחנו, בניך כשתילי זתים סביב לשולחנך, כי כן יבורך גבר ירא ה׳, אשרי העם שככה לו.

השולחנות היו ערוכים כדת בפאר ויופי כראוי וכיאות, ואיש על מחנהו ואיש על דגלו הסיבו לסעודתא דחקל תפוחין קדישין. ויהי כנגן המנגן ותהי רוח אלקים בהיכל האולם, באמירת שלום עליכם והזמירות ברגשי הלבבות בעריבות ונעימות דקדושה. ונשמע קולו בקודש של **רבינו שליט"א** בקידוש היום, ברגש מיוחד ובנעימה קדושה.

מה ידידות מנוחתך את שבת המלכה, כאשר במשך הסעודה צלצלו בקול מקהלת ׳**מלכות**׳ מארה"ק, אשר הטיבו נגן בתרועה לעדן סעודות השבת בקול יאה אף נעים, ויום השביעי משבח ואומר במזמור שיר ליום השבת מיוחד במינו.

סעודת ליל שבת קודש ארכה למשך שעות ארוכות בהתרוממות נפלאה ובעונג ושמחה יתירה, ולא אמר אדם צר לי המקום שאלין. ובהתרגשות מיוחדת שניתנה למשש באויר זימרו זמירות השבת בשיר ושבח באהבת ודיבוק חברים, ובריקודין של שמחה לקל הטוב.

בתוך הסעודה הגיע **הגה"צ המפורסם רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א** לבקר בהיכלו ולחזות בנועם השבת. **רבינו שליט"א** קיבל פניו בכבוד ותפארת.

במשך הסעודה נאמו הרב **אליעזר פליישמאן** שליט"א סגן מנהל בת"ת דקהלתינו בב"פ, אשר

ביטא את מעלת השב"ק שמתאספים יחד תחת חסותו של **רבינו שליט"א** באתרא קדישא הדין.

בקשב רב נשמע דרשתו של האורח הדגול **הגה"צ רבי אהרן טוסיג שליט"א** ר"י אלכסנדר ב"ב, אשר בדבריו הפליא לקבץ כעמיר גורנה ענינים נפלאים וסיפורים מצדיקי הדורות בגודל מעלת יום השבת, ובפרט כששובתים בהר הקודש מירון, שקדושת המקום גורם להתעלות יחד ולהתעורר בעבודת ה' ומצותיו מתוך שמחה ולהתענג על ה'. וביותר לקהלא קדישא הדין שזוכים לשמוע תמיד הדרכתו בקודש של האי רעיא מהימנא **רבינו שליט"א**, היוצא מפיו בנעימה קדושה מיוחדת.

**רבינו שליט"א** השמיע במשך הסעודה כמה שיחות קודש בעניני הפרשה, ובניהם בענין לצייר צורת אביו ורבו בעת נסיון, ובגודל קדושת יוסף צדיקא במצרים שעל ידו נגדרים כל ישראל בהמשך הדורות להתנהג בקדושה וטהרה.

*

בתפלת שחרית ביום שב"ק כיבד את ה' מגרונו הר"ר **ארי' הערשקאוויטש** הי"ו. העליות נקנו על ידי נדיבי עם לכלכל הוצאת השבת. **רבינו שליט"א** ניגש לפני התיבה לתפלת מוסף, לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאבאטהעלי ע"ה שחל בערב חנוכה.

מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים בסעודתא דעתיקא קדישא, כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, בהתרוממות הנפש וברוח של שמחה ועונג שבת.

בסעודת היום נשמעו דברים מלהיבים מאת **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בבית מדרשינו זכרון יהודה, שהאריך באריכות נפלא לשלב מאמרים שונים במשנתו של התנא האלקי רשב"י שחוסים בצלו, והצד השוה שבהן שלא לייפות דרכי הגוים ומנהגיהם ולהתדמות להם, ורבי שמעון לשיטתו דכל ישראל בני מלכים הן, להתנהג כראוי לבני מלך מלכי המלכים ואדוני האדונים.

*

בני היכלא ובני קהלא קדישא הדין נתאספו שוב למחזי זיו דזעיר אנפין בסעודה שלישית, לשאוב ולשתות בצמא מהבאר מים חיים, וגם כי אלך ואשב בגיא צלמות בחשיכה מאור הגשמי, אבל לילה כיום יאיר מהאור העליון, וכמבואר **בזוהר הק'** (פ' פקודי) דעל סעודתא בתראה תליתאה נאמר (ישעיה נח-ח) אז יבקע כשחר אורך.

שרו הזמירות על הסדר בהתעוררות ורגש מיוחד, בחדרת קודש קיבלו עול מלכותו באמירת ה' מלך וכו'. למשך שעה ארוכה השמיע **רבינו שליט"א** דברים ערבים ומתוקים כמים קרים על נפש העיפה בגודל קדושת שבת, והיאך שהיא מתפשט על כל חפציו ונכסיו. ודברים חוצבים להתנהג בקדושה וטהרה, וחשיבות העבודה כשנמצאים בעולם השפל הלזה, עם גוף מחומר גס, ועם כל זה מתגברים ומנצחים היצר, עד שמלאכי מעלה כשרואים זאת מורידים כנחל דמעה.

בסיום הדברים דיבר **רבינו שליט"א** במעלת התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי שכל ישראל דבקים אליו ובתורתו, ורבי שמעון בן יוחאי לכל, אפילו לפחותים. אחר כך האריכו בשיר ורננה בניגוני התעוררות לעורר הלב לאהבתו ית"ש, ולשפוך שיח לפני קונו.

***וזה סיום הדברי תורה (מה שלא נדפס בגליון דברי תורה):***

**מען** געפונט זיך דעם שבת אין מירון, בצילא פון רבי שמעון בן יוחאי. מען האט שוין היינט גערעדט, אז עס שטייט אין **בית אהרן**, אז אזוי ווי דער אייבערשטער איז צו יעדען איינעם, אזוי איז רבי שמעון בן יוחאי צו יעדען יוד. אפילו לפחותים, אפילו די שוואכע, גאר געמיינע, האבן א שייכות מיט רבי שמעון. און מען זעהט עס בחוש, מענטשען וואס זענען ווייט פון שמירת התורה ומצוות, אבער ווען עס קומט צו רבי שמעון, שפירן זיי זיך היימיש, און זיי האבען א זאך וואס ציהט זיי צוצוקומען צו רבי שמעון.

**עס** קען זיין אז דער טעם דערפון איז, מען ווייסט אז רבי שמעון האט מגלה געווען סודות התורה. אין די תורה הק' איז דא ששים רבוא אותיות, און אקעגן דעם איז דא ששים רבוא נשמות ישראל, יעדער יוד איז מקושר אין די תורה. יעדער יוד פאר זיך, האט א אות אין די

תורה, וואס ער ציהט זיין חיות, זיין קדושה, פון דעם אות וואס ער איז מרומז אין די תורה. זיין גאנצע לעבן איז אויסגעשטעלט, לויט די פרשה פון וואו זיין אות איז אין די תורה. די גמרא (חולין קלט:) זאגט, משה מן התורה מנין, פון דעם פסוק (בראשית ו-ג) בשגם הוא בשר, והיו ימיו מאה ועשרים שנה. משה רבינו איז דארט מרומז אין די תורה, און זיין לעבן מוז זיין אזוי ווי עס שטייט דארט אין פסוק, עס איז געווען מאה ועשרים שנה. יעדער יוד האט א שייכות אין די תורה.

**און** דאס איז א געוואלדיגער חיזוק פאר יעדן איינעם, ווייל אויב די תורה איז חסר איין אות, איז אויס ספר תורה. אויב אזוי קומט אויס, אז א יוד וואס ווערט גע'פסל'ט, און ער ווערט אזוי' פסול אז מען קען אים שוין נישט ליינען, עס בלייבט גארנישט איבער פון אים, האט ער גע'פסל'ט די גאנצע ספר תורה, און אן די תורה איז נישט דא קיין וועלט. מוז על כרחך זיין, אז יעדער יוד האט אין זיך א נשמה, א חלק אלו-ה ממעל, וואס מוז בלייבען עפעס א שורש אין דעם אות, כדי אז דער ספר תורה זאל זיין כשר.

**אין** די ספר תורה אליין, איז דא זאכען וואס מיר פארשטייען, און זאכען וואס מיר פארשטייען נישט. מען געפונט (סנהדרין צט:) אז מנשה האט גע'דרש'נט דרשות של דופי. פארוואס האט משה רבינו געדארפט שרייבען (בראשית לו-כב) ואחות לוטן תמנע, וואס אין פשטות האט עס נישט קיין שום הסבר. וואס איז א נפקא מינה ווער לוטן איז געווען, און אז זיין שוועסטער איז געווען תמנע. אין פרשת וישלח איז אויסגערעכנט אכט מלכים וואס זענען געווען אין אדום. למאי נפקא מינה ווי אזוי זיי האבן געהייסען, און וויפיל מלכים עס זענען געווען, און ווער עס איז געווען קודם, און ווער שפעטער. אין פשטות האט עס נישט קיין פשט. אבער רבי שמעון בן יוחאי האט מגלה געווען, אז די תורה איז נישט נאר פשטות, נאר אין יעדע זאך איז דא סודות התורה. יעדע זאך האט ער איבערגעטייטשט די פנימיות וואס ליגט באהאלטן אינעווייניג אין די ווערטער פון די תורה. ענליך צו דאס וואס די גמרא (מנחות כט:) זאגט, אז רבי עקיבא האט גע'דרש'נט על כל קוץ וקוץ תילי תילין של הלכות. אין איין קוץ אין די תורה, ליגט תילי תילין של הלכות. רבי שמעון בן יוחאי איז געקומען, און ער האט מגלה געווען אז אחות לוטן תמנע, אחות מיינט נישט אחות, און לוטן איז נישט לוטן, און תמנע איז נישט תמנע, עס האט גאר א אנדערע באדייט על פי סוד וואס דאס מיינט. ווען מען רעדט פון אברהם און פון שרה, איז דאס נישט אברהם, נאר איינס איז די גוף און איינס איז די נשמה (זוה"ק ח"א קכב:), און אזוי ווייטער. אלעס האט א אנדערע פירוש אין די סודות הדברים. אפילו א זאך וואס איז נישט פארשטענדליך אין פשטות, פון דעסטוועגן דאך ליגט אין דעם א סוד.

**יעדער** יוד איז א אות אין די תורה, יעדער יוד האט א חלק אין די תורה. עס איז דא אזעלכע יודען וואס האבן אין זיך נשמות, אותיות, וואס האבן נישט קיין פשט. זיין נשמה, זיין חיות, זיין לעבן אויף די וועלט, האט נישט קיין פשוטע פשט, ווי אזוי ער קען זיין א חלק פון כלל ישראל, ווי אזוי ער קען זיין א חלק פון נשמת ישראל. זיין השגה איז אזוי ווייט, זיין פחיתות איז אזוי ווייט, אז אין פשטות פאסט ער נישט אריין אין די פסוקים פון די תורה. דאס איז ווען מען קוקט עס אין פשטות. אבער רבי שמעון בן יוחאי האט מגלה געווען, אז יעדע זאך וואס מען פארשטייט נישט אין פשטות, ליגט אבער אינעווייניג באהאלטן א געוואלדיגע פנימיות, וואס לויט דעם האט עס א פירוש. **די נשמה וואס א יוד האט אינעווייניג, קען עס קיינער נישט שאצן, נאר דער רבונו של עולם קען אפשאצן וואס דאס מיינט א יוד. אפילו ער איז נישט א יוד על פי פשטות, אבער ער איז א יוד על פי סוד. אין סודות הדברים ליגט אין אים א געוואלדיגע קדושה.** אסאך מאל רופט עס זיך נישט אן ביי אים, נאר ביי די קינדער און אייניקלעך, וואס מען זעהט אז מעז יצא מתוק. אסאך מאל קומען זייערע קינדער און אייניקלעך צוריק, און זיי ווערן שומרי תורה ומצוות, וואס אלעס ליגט אין די יסוד פון די עלטערן.

**רבי** שמעון בן יוחאי האט מגלה געווען, אז אפילו א אות אין די תורה וואס האט נישט קיין ביאור, אויסענווייניג פארשטייט מען עס נישט, פון דעסטוועגן דאך איז עס גארנישט ווייניגער. אחות לוטן תמנע איז גארנישט ווייניגער חשוב אין די תורה, ווי אנכי ה' אלקיך. עס איז די זעלבע תורה, די זעלבע פסוקים, די זעלבע אות. עס איז נישט קיין חילוק צו עס פעלט א אות פון דא, צו פון דארט, דער ספר תורה איז פסול. ער האט מגלה געווען, **אז יודען וואס זענען א אות אין די תורה, און זייער נשמה איז א חלק פון די תורה, אפילו ווען אויסענווייניג איז ער זייער שוואך, אויסענווייניג איז ער אין א געוואלדיגע מצב פון שפלות, פון דעסטוועגן דאך זאל ער וויסען אז אינווייניג אין זיך האט ער א פלאם פייער. ער דארף עס נאר אויפבלאזען,** ער דארף האבן דעם ניצוץ אחד. מען רופט עס אן א ניצוץ, ווייל ניצוץ איז א פינק, א יוד האט א הייליגע ניצוץ, פון א פינק קען ווערן א געוואלדיגע פייער. און דאס האט רבי שמעון בן יוחאי מגלה געווען, קוק נישט אויף א זאך אין די תורה ווי אזוי עס איז אין פשטות, קוק אויף א זאך ווי אזוי עס איז באהאלטען אינווייניג אין די נסתרות. וועגן דעם איז רבי שמען לכל, **רבי שמעון נעמט זיך אן פאר יעדן יוד, אפילו ווען אמאל זאגען די מלאכים אויבן אין הימל, אז מען איז נישט כדאי צו א ישועה, מען איז נישט כדאי צו דעם וואס דער גוף בעהט, אז מען זאל זיך אננעמען פאר אים. זיי קוקען עס דאך מיט א אנדערע בליק אויבן אין הימל, און ביי זיי אז מען איז נישט ווי עס דארף צו זיין, זענען זיי דאך מקטרג, אבער רבי שמעון וואס ער האט גע'דרש'נט סודות התורה, האט ער גע'דרש'נט די סודות פון אונזער נשמה אויך, אז אפילו אויסענווייניג קוקט אונזער נשמה נישט אויס ווי עס וואלט געדארפט צו זיין, עס קוקט אמאל מאל אויס ווי עס איז א יתור אין די תורה, ער איז איבריג אין כלל ישראל, ער האט נישט קיין שייכות אינעם כלל ישראל, רבי שמעון איז לפחותים, רבי שמעון האט ארויסגעהאט יעדען יוד. א יעדער יוד האט אין זיך באהאלטן א ניצוץ, א הייליגע סוד וואס ליגט אינווייניג, און דאס האט ער גע'דרש'נט. און אין סודות איז נישט קיין נפקא מינה וועלכע ווארט ער איז, אלע ווערטער זענען די זעלבע חשוב.** דאס איז דער ענין וואס אפילו פחותים קומען צו רבי שמעון, ווייל רבי שמעון נעמט ארויס ביי זיי, די ניצוץ הקדושה וואס ער האט אינווייניג, און ער איז ממליץ, אז אין דעם זכות זאל אים דער אייבערשטער העלפן. מען איז זיך צוזאמגעקומען אויף דעם שבת, מען האט געהערט אסאך דברי תורה און דברי מוסר, עס דארף געבן חיזוק אהיימצונעמען.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל קענען אויפטון דא אויף דעם מקום, דאס וואס מיר זענען געקומען אויפצוטון. מען האט פאר יעדן צוגעפירט צו זיין דא, האט ער עפעס מתקן צו זיין דא. זאגען ערליך א ברכה, ערליך דאווענען, זיך פירן ערליך, מען ווייסט קיינמאל נישט אין וועלכן מקום, אין וועלכע ווינקל ער דארף זיין, כדי ער זאל אויספירן זיין שליחות, פארוואס ער איז אהערגעקומען. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן קענען אויספירן אונזער שליחות, קענען דאווענען ערליך די תפלות און הודאות, ווי מען האט שוין גערעדט היינט. קענען דאווענען פארן אייבערשטען, און דאנקען דעם רבונו של עולם אויף אלע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט א מענטש שטענדיג.

**דער** זכות פון רבי שמעון זאל מגין זיין אויף אונז, און אויף גאנץ כלל ישראל, יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס מען דארף צו האבן. וימלא ה' כל משאלות לבבנו לטובה, דער באשעפער זאל ממלא זיין אלע אונזערע משאלות לטובה. יעדער יוד האט דאך אין הארץ וואס ער האט אויסצובעטן פאר זיך, און פאר אנדערע, און פארן כלל ישראל, יעדער דארף האבען רפואות און ישועות, און אזוי ווייטער. זאל דער אייבערשטער העלפן, עס זאל נתקבל ווערן אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון, און מיר זאלן זוכה זיין צו ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, מען זאל נישט דארפן אהיימפארן, מען זאל קענען

בלייבען דא אין ארצנו הק', בביאת משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

**רבינו שליט"א** ניגש לתפלת ערבית לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו ע"ה שחל בערב חנוכה. אחר כך הבדיל על הכוס, ואחר שזימרו 'המבדיל' פרצו קהל הקודש בשירה 'א גוטע וואך', ברוב שמחה וחדוה והודיה על נועם גורלינו לעשות את השבת בהתרוממות הנפש, **ורבינו שליט"א** יצא בריקוד על מקומו שארכה לדקות ארוכות.

אחר הבדלה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק הגה"צ רבי יחזקאל ראטה שליט"א** גאב"ד קארלסבורג שישב שבעה על פטירת הרבנית ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך זעה אז דער רב זיצט און לערנט (שו"ע הל' אבילות).

**גאב"ד קארלסבורג:** מען לערנט זאכען וואס מען מעג יא לערנען.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין אין די תולדות פונעם הייליגען **ליסקער רב זצ"ל**, אז דער ליסקער רב איז אמאל געפארן אויף א שבת צום **צאנזער רב זי"ע**, און אמאל האט מען נישט געוואוסט פון איין מדינה אויף די צווייטע מדינה, וואס דער מצב איז דארט, און דער צאנזער רב איז געזעסן דעמאלטס שבעה נאך א קינד, און דער ליסקער רב איז אנגעקומען פרייטאג, און ער האט געהערט אז דער צאנזער רב זיצט שבעה, האט ער נישט געוואלט אריינגיין מנחם אבל זיין, ווייל ער האט נישט געוואלט זעהן דעם צאנזער רב זיצען אויף דער ערד. האט ער געווארט ביז דער צאנזער רב האט זיך אויפגעשטעלט, ערב שבת, און דעמאלטס איז ער אריינגעקומען מנחם זיין.

**בנו הגה"צ רבי משה שליט"א רב הצעיר דקארלסבורג:** מען זאגט נאך, אז דער **חוות דעת**, האט דאך אפאר מאל חתונה געהאט, און עס איז געווען א גדול וואס האט נישט געוואלט מסדר זיין דעם גט. ווייל דער סדר וואס מען דארף זאגען איז מיט א לשון 'דו', און נישט 'דער רב', אדער 'איר', האט ער נישט געוואלט זאגען די לשון 'דו' אויפן חוות דעת.

**רבינו:** זי האט א זכיה אז זי איז געקומען לקבורה דא אין מירון, וואו דער רב רעכט אפ די עבודת הקודש. זי האט דאך געהאט א זכות דערין.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער טאטע איז דאך געווען אין מירון מיטן **שאמלויא'ער רב**, ער האט עס מיר אליין געזאגט, אז דער שאמלויא'ער רב האט אים געזאגט, אז אפילו אין די מערה פון רבי שמעון קען ער אויך אריינגיין.

**רבינו:** ביי רבי מאיר בעל הנס איז ער אויך אריינגעגאנגען.

**הגר"מ:** דארט איז דאך דא סומכוס און אנדערע תלמידים. הייסט עס אז ער האט געזאגט אלץ קברי צדיקים מעג מען גיין.

**רבינו:** מירון האט אנדערע טעמים אויך (שיש פותח טפח, ועוד).

דאס וואס דער רב איז געבליבן דא איבער שבת, דאס איז על פי נגלה צו על פי נסתר. - די ערשטע שלשת ימים גייט מען דאך נישט ארויס (עיין **בשו"ע** יו"ד סימן שצ"ג).

**הגר"מ** (בצחות): מען האט דאך געדארפט זעהן אז דער וויענער רב זאל האבען א מקוה (**שרבינו שליט"א** השתמש במקוה שלו).

**רבינו:** אי' משום הא וואלט מען נישט געדארפט.

**גאב"ד קארלסבורג:** אז מען האט וואו צו וואוינען, דארף מען זיך נישט איילען, גיין און קומען. אז מען האט א דירה, קען מען ווארטען ביז נאך שבת.

**רבינו:** דא וואוינט מען, דארט איז מען נאר בדרך אגב.

**הגר"מ:** רצועה מתקפלת.

**גאב"ד קארלסבורג:** מען זעהט דאך די קדושים וואס זענען געווען דא. דער **בית יוסף** פלעגט אויך קומען דא אויף יום טוב סוכות. און די שפעטערדיגע, דער **אור החיים הק'**, אלע זענען געקומען דא קיין מירון. די שטיבלעך אויבן זענען געבויט געווארן פאר די אורחים וואס זענען דא געבליבן.

**הגר"מ:** עס איז נישט געווען קיין ישוב דא.

**רבינו:** בימים ההם איז נישט געווען דא קיין שום ישוב?

**הגר"מ:** ניין. אפילו פאר פופציג יאר צוריק איז קוים געווען, אבער פארדעם איז גארנישט געווען. עס שטייט אז ווען דער **בית יוסף** מיטן **אר"י הק'**, פלעגן קומען אויף א חודש ימים, האבען זיי זיך געבויט ערגעץ סמוך, און זיי זענען ארויפגעגאנגען איינמאל א וואך, צו איינמאל אינגאנצן. אונז זאגט מיר פארן טאטען, אז מיר זענען נישט מסופק אז דא איז געווען זייערע אוהלים.

**רבינו:** ערליכע יודען זענען מרגיש קדושת המקום.

**הגר"מ:** עס איז עושה רושם, עס בלייבט א רשימה.

**גאב"ד קארלסבורג:** אסאך צדיקים האבן געהאט חשק צו זיין אין מירון. נישט יעדער איינער האט געקענט אנקומען צו דעם. מען איז אייביג געקומען צו פארן, אפשר נישט א גרויסער עולם, תיכף נאך די פטירה פון רבי שמעון איז מען שוין געקומען.

**הגר"מ:** עס האט זיך נאך דעמאלטס אנגעהויבן, הושיבו ישיבה על קברו. מען זאגט דאך אז דאס איז אקעגן משה רבינו, וואס לא ידע איש את קבורתו (דברים לד-ו), לעומת זה האט מען דא דעם ציון הרשב"י.

**רבינו:** דער **חתם סופר** (**בדרשות** ח"ב שלב.) שרייבט, ותוליכנו קוממיות לארצנו, מען זאל זוכה זיין צו קומען ווען מען שטייט, נישט ווען מען ליגט.

**גאב"ד קארלסבורג:** מען זעהט דאך אז די אלע תלמידי חתם סופר וואס זענען געקומען אהער, זענען געקומען קיין מירון.

**רבינו:** איך וועל נישט אויפהאלטן, המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, מען זאל אפגעהיטן ווערן פון צער, לאנגע געזונטע יארן אי"ה קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט הרחבת הדעת.

**גאב"ד קארלסבורג:** מען זאל זוכה זיין צו נחמת ציון וירושלים בקרוב.

*

אחר הפסקה קלה הגיע **רבינו שליט"א** למערת רבי שמעון בן יוחאי, לחנן פני עליון להוושע בדבר ישועה ורחמים, בזכות התנא האלקי אשר זכותו עומדת לעד להמליץ טוב על ישראל.

**רבינו שליט"א** פתח במילים קצרים בגודל קדושת המקום, והתחיל באמירת ספר רביעי שבתהלים בהשתפכות הנפש, וסיים בקול מעורר בכל מזמור ומזמור. ההתעוררות היתה עצומה עד למאוד. אחר שסיימו פרקי תהלים, שרו כמה ניגוני התעורות בתפלה ותחנונים שיתקבלו תפלותינו לרחמים ולרצון.

***וזה תוכן הדברים:***

**יעדער** ווייסט די קדושת המקום פון דעם פלאץ, דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי ליגט דא. עס איז נישט דא נאך א מקום וואו יודען קומען זיך אזויפיל צוזאם, מתפלל צו זיין אין אלע דורות. וויפיל תפלות זענען שוין אויף דעם מקום געזאגט געווארן, וואס יודען ווייסען אז עס איז מסוגל פאר ישועות. רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט, יכול אני לפטור את העולם מן הדין (סוכה מה:), ער איז געווען אזוי זיכער ביי זיך, אז ער האט דעם כח צו פטר'ן די וועלט פון דין. מען ווייסט אז אלע דינים קומען פונעם שם אלקי"ם. אלקי"ם דאס איז די מדת הדין, און דער שם הוי"ה דאס איז די מדה פון רחמים. איך האב געטראכט, י'כול א'ני ל'פטור א'ת ה'עולם מ'ן ה'דין, איז די ראשי תיבות אלקי"ם. אפילו עס איז דא א מדת הדין, אסאך מאל איז מתוח אויף א מענטש מדת הדין, האט רבי שמעון בן יוחאי געזאגט, אז מען קען ביי אים פועל'ן, ער קען פטר'ן די וועלט מן הדין, ער קען ממתיק זיין די דינים וואס איז דא אויף א מענטש.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די תפלות וואס מען איז מתפלל זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, און יעדער זאל זיך קענען אויסבעטן. דער באשעפער זאל געבן די ריכטיגע דיבורים אינעם מויל, יעדער זאל קענען ארויסזאגען וואס עס קוועטשט אים, און מתפלל זיין. עס איז נישט גענוג וואס מען זאגט דעם תהלים, נאר פאר זיך אליין ארויסזאגן, און מתפלל זיין פארן אייבערשטען, און בעטן אין זכות פונעם תנא רבי שמעון, אז מען זאל געהאלפן ווערן.

זאל דער אייבערשטער מקבל זיין אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון.

*

**רבינו שליט"א** ניגש לשפוך שיח על הציון, אשרי עין ראתה פרישת כהן ברשם, מעתיר ומתחנן למען הכלל והפרט צרכי עמך ישראל המרובים.

אחר כך עלו **רבינו שליט"א** וכל הקהל עמו על גג המערה למעמד הדלקה רבתי לכבוד התנא האלקי, זכות ההדלקה נקנה באלפי רבבה על ידי ידידינו מו"ה **שמואל זאנוויל מארקאוויטש** הי"ו ומו"ה **יעקב יוחנן מענדלאוויטש** הי"ו.

למשך זמן ממושך זימרו הקהל יחדיו ניגוני התעוררות, ועיני כולם תלויות אל פני הקודש הכהן הגדול שמדליק ועולה להבת אש קודש לכבוד התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי.

הבערה ללהב יוצאת בריקודין נלהבים בגג המערה ואחר כך בחצר הרשב"י, ניגוני 'בר יוחאי' 'ואמרתם כה לחי' ועוד ניגוני מירון למיניהם בוקעים ועולים בשמחה וששון, כאשר קהל הקודש בראשות **רבינו שליט"א** רוגשים בעוז ותעצומות בלהט קודש בל יתואר עלי גליון.

מה נהדר היה מראה כהן בעת **שרבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז לכבוד התנא האלקי בעבודה עילאה, ובריקודי שבת והודיה יצא **רבינו שליט"א** במחול מיוחד עם חתן הבר מצוה ובני המשפחה, כאשר אחריו מטפח בידיו בתוך המחול 'אין אנחנו מספיקים להודות', אשרי עין ראתה כל אלה.

עם סיום הריקודין, נערך סעודת מלוה מלכה לכל קהל הקודש בראשות **רבינו שליט"א** באולם הגדול יד עזרא. אחר ששרו זמירות למוצאי שבת, השמיע האורח הדגול **הגה"ח רבי אהרן טוסיג שליט"א** מנועם אמרותיו ומרגשי לבבו שהרגיש בעת ששהה יחד עם קהל אנ"ש בצל קדשו של **רבינו שליט"א**.

בדבריו ציטט מפי צדיקים בגודל מעלת חבורה שמתאחדים יחדיו שמועיל הרבה לעבודת ה'. ובשם **הרה"ק ר"מ מקאברין זי"ע** שאמר פעם 'וואס א רבי קען נישט טוהן, קען א חבורה אויפטוהן'. ודיבר בשבח חבורתא קדישתא הדין הדבקים באילנא דחיי, שמשפיע באופן נדיר ביותר מתוך אהבה ורוך לכל אחד מאנשי קהלתו וחוצה לה, וכמאמר הצדיקים וישראל אהב את יוסף מכל בניו, שרק באופן זה היה יכול למסור לו כל מה שקיבל משם ועבר.

והוסיף שכל זה היה נרגש משך כל יום השבת קודש, שבזמן שישבו ריבוי עם כ"י עד אפס מקום, בסעודת ליל שבת שארכה למשך חמש שעות ויותר, ולא אמר אדם צר לי המקום והזמן, ובפרט בשעה שהמנהיג הגדול השמיע מדברותיו למשך זמן רב, יושבים כל הקהל בשקיקה לשמוע נועם אמריו, הן אצל הדברות קודש בליל שב"ק בענין התגברות על נסיונות הזמן, לראות דמות דיוקנו של אביו ודרכי דורות הקודמים, והן בדברות קודש מלהבות אש בסעודה שלישית בגודל חשיבות עבודת ה' של דרי מטה בתוך חשכות הזמן, שמזה עצמו יכולים לשאוב דליים של יראת שמים וחיזוק לעבודת הבורא למשך זמן רב. – בסיום נאומו השמיע דיבורים מיוחדים לכבוד ימי השמחה שמחת הבר מצוה לנכד **רבינו שליט"א** הממשמש ובא.

אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, והתחיל בגודל רגשי לבבו מנועם זיו השבת בשבת אחים גם יחד, ועבר לשוח בדברי תורה במשנתו של התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי.

עוד הקדיש **רבינו שליט"א** דיבורים מיוחדים לאנשי שלומינו להטות שכם אחד לעזור ולסייע להצלחת ושגשוג הקהלה והמוסדות בגוף ובממון שיוכלו להרביץ תורה ויראת שמים בהרחבת הדעת.

עודנו מצלצל ומהדהד הביטוי הנדיר שנשמע בשיחה זו מפי **רבינו שליט"א** בעת דברו אודות צרכי עם ישראל המרובים באמרו: **עס איז צרכי עמך ישראל מרובים, מען ווייסט גארנישט וואס פאר א שוועריקייטן מענטשען האבן אין די שטובער. וויפיל מען הערט זיך אן אין משך פון איין וואך. איך קען זאגען, אז איין פראצענט האב איך געבעטן פאר מיר, ניין און ניינציג פראצענט האב איך געבעטן פאר אנדערע...**

עם סיום הדברות קודש בירכו ברכת המזון על הכוס, ועברו כל הקהל בסך לקבל כוס של ברכה מאת **רבינו שליט"א.**

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל ארויסגעבן רגשי לבבי פונעם שבת. ה' יודע ועד אז איך האב נישט געוואלט זיין דא שבת. איך האב אינגאנצן נישט געטראכט אז מען וועט זיך צוזאמקומען. און איך וועל זאגען פארוואס אויך. בדרך כלל ווען איך קום אהער קיין ארץ ישראל, איז דאס ווייל איך טוה א גאנץ יאר, אין די שטאט, די עבודת הקודש, א גאנצע טאג. רובא דרובא פון די שעות, איז אוועקגעגעבן פארן ציבור. מתי אעשה גם אנכי לביתי, איך בין אויך א יוד, איך דארף אויך האבען אמאל זמנים פאר מיר אליין. ווען איך קום קיין ארץ ישראל, אוועקגעגאנגען אביסל פון די שטוב, נעם איך מיר אראפ אביסל צייט. און אז מען זאגט, אז איך דארף דא זיין שבת צוזאמען מיטן עולם, שבת און זונטאג און ווייטער, האב איך פארלוירן מיין סיבה פארוואס איך קום, בדרך כלל, אויף ארץ ישראל.

**אבער** ב"ה איך וויל באדאנקען פאר די אלע וואס האבן צוגעשטעלט דעם שבת. איך האב אליין געהאט א געוואלדיגע התרגשות צו זיצען צוזאמען, הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד. זיצען אינאיינעם דאס ברענגט אהבת חברים, עס ברענגט נאנטקייט. מען קומט אויף מירון, מען קומט אויף ארץ ישראל, יעדע זאך פאר זיך אליין, איז קובע ברכה לעצמה. און דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין מתוך שמחה וטוב לבב.

*

**מען** זיצט אין מירון, איך האב געוואלט זאגען א ענין לכבוד רבי שמעון. מען ווייסט אז ווען מען האט געברענגט א קרבן אין בית המקדש, איז געווען דערצו נסכים. מען האט געברענגט ווין, און מען האט עס געגאסן אויפן מזבח. און עס איז געווען שיתין וואס איז אראפגעגאנגען ביז צום תהום, און דארט האט מען געגאסן די ווין אויפן מזבח, און עס איז אראפגעגאנגען אונטען אין די שיתין.

**ווער** האט געמאכט די שיתין, איז דא א מחלוקת אין די גמרא (סוכה מט. נג.), איין דעה איז דא אז דוד המלך האט עס געגראבן, און רבי שמעון (ירושלמי סוכה ד-ו) האלט, אז עס איז באשאפן געווארן אין די ששת ימי בראשית. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן די שיתין פון די מזבח. און עס דארף האבען א ביאור, פארוואס ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן די שיתין אויפן מקום פון דעם מזבח, אראפ ביז צום תהום. עפעס ליגט דאך דערין.

**מען** זעהט אז יעדער יוד האט א תשוקה צו קומען אויף ארץ ישראל, און ער האט א תשוקה צו זיין ביים מקום המקדש. ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז דאך אפגערעדט אז יעדער יוד וואס איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, איז געגאנגען אין בית ה', נאר אפילו בחורבנו, האט מען אויך א השתוקקות דערצו. וואס איז דער השתוקקות פון א יוד צו ארץ ישראל.

**אין** פשטות, ווייל עס איז א ארץ קדושה, א הייליג לאנד. און ווען א יוד איז הייליג, האט ער א שורש צו ארץ ישראל. אבער מען דארף נאך אלץ פארשטיין, עס איז דא אסאך עניני קדושה, און מען זעהט נישט אז מען זאל אזוי משתוקק זיין דערצו. א בלאט גמרא איז אויך הייליג צו לערנען, און מען זעהט נישט אז מען זאל האבען אזא השתוקקות צו די קדושה. וואס איז עפעס ארץ ישראל וואס ציהט אזוי דער מענטש, און ער האט א המשכה דערצו.

**איך** האב געטראכט אז דער ענין דערפון איז, עס שטייט אין פסוק (בראשית ב-ז) בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון, דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט, האט דער אייבערשטער גענומען ערד, עפר מן האדמה, און פון דעם האט ער באשאפן דעם מענטש. פון וועלכע פלאץ האט דער אייבערשטער גענומען דעם אדמה, די ערד פון וואס דער מענטש איז

באשאפן געווארן. ברענגט רש"י צו צוויי פשטים, איינס, אז דער אייבערשטער האט גענומען אביסל עפר פון אלע עקן פון די וועלט, און פון דעם האט ער געמאכט דעם מענטש. א מענטש דארף אמאל אוועקגיין פון די וועלט, כי עפר אתה ואל עפר תשוב (שם ג-יט), זאל אים די ערד איבעראל קענען קולט זיין, ווייל ער קומט פון אלע ארצות.

**אין** די גמרא (סנהדרין לח.) שטייט, אז דער אייבערשטער האט עס איינגעטיילט, דעם קאפ פון אדם הראשון האט ער גענומען פון ערד פון ארץ ישראל. דעם גוף פון אדם הראשון האט ער גענומען פון בבל. די איבריגע אברים, די הענט און די פוס, האט ער גענומען פון שאר ארצות, פון אנדערע לענדער.

**דער** קאפ האט ער גענומען פון ארץ ישראל, זאגט רש"י (שם), ווייל ארץ ישראל איז גבוה מכל הארצות (שם פז.), און דער קאפ איז העכער פון איבעראל, איז דער קאפ פון עפר ארץ ישראל. דער **מהרש"א** (סנהדרין שם) גיט צו דערצו, אז די מוח פון א יוד איז אינעם קאפ, די נשמה שבמוחי איז אויך אינעם קאפ. די מוח און די נשמה פונעם יוד האט דער אייבערשטער גענומען פונעם עפר ארץ ישראל, און פון דעם האט ער אים באשאפן.

**דעם** גוף האט ער גענומען פון בבל. אין בבל איז א מצולה, עס איז א טיף פלאץ. פארוואס איז עס טיף? וואס איז דער לאך וואס איז דא, אז בבל איז נידריגער פון עפעס אנדערש? אדם הראשון איז געווען זייער גרויס, און מען האט געדארפט האבען אסאך ערד צו באשאפן אדם הראשון, און מען האט גענומען די ערד פון בבל, און פון דעם איז געווארן דארט א לאך. פון דעם וואס עס איז דא א לאך אין בבל, פון דעם פארשטייט מען אז דעם גוף האט מען גענומען פון בבל, און די איבריגע האט מען גענומען פון שאר כל הארצות.

**קומט** אויס, אז די שורש פון א יוד, זיין קאפ, איז באשאפן געווארן פון ארץ ישראל. און אז די קאפ איז פון ארץ ישראל, איז דאך ממילא יעדע חלק שואב צו זיין שורש, און אז דער שורש פון א קאפ פון א יוד איז פון ארץ ישראל, האט ער א תשוקה צוצוקומען צו זיין שורש, ווייל פון דא איז ער געקומען.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון פון די ערד פון ארץ ישראל. פון וועלכע חלק אין ארץ ישראל, האט ער גענומען ערד צו באשאפן דעם מענטש. איז דא א מדרש (ב"ר יד-ח), און רש"י (בראשית ב-ז) ברענגט עס צו, אז דער אייבערשטער האט גענומען עפר מן האדמה. וואס איז אדמה? דער מזבח ווערט אנגערופן אדמה, מזבח אדמה תעשה לי (שמות כ-כא), דער אייבערשטער האט גענומען עפר פון תחת המזבח, און פון דעם האט ער באשאפן דעם מענטש. דער אייבערשטער האט געזאגט, די מזבח איז א מקום כפרה, אז איך וועל אים באשאפן פון א פלאץ וואס איז א מקום כפרה, וועט ער זיך קענען האלטן ערליך. האט דער אייבערשטער באשאפן די קאפ פון א יוד פון ארץ ישראל, דער אייבערשטער האט גענומען די ערד פון אונטער דעם מזבח.

**עס** איז דא א דבר נפלא אין **צפנת פענח**, פונעם הייליגען **ראגאטשאווער** (בראשית ב-ז), זאגט ער אז אונטערן מזבח איז דאך הויל, עס איז דא שיתין וואס דארט גייט אראפ די נסכים וואס מען האט געגאסן אויפן מזבח. פון וואו נעמט זיך די הוילקייט וואס איז דא אונטער די מזבח. זאגט מען, שיתין איז משֵשת ימי בראשית נבראו. אזוי ווי דער אייבערשטער האט גענומען פון דארט די ערד צו באשאפן דעם קאפ פון אדם הראשון, איז אזוי ווי רש"י זאגט, אז בבל איז טיף, ווייל עס איז אויסגעליידיגט געווארן פון די ערד וואס דער אייבערשטער האט גענומען צו באשאפן די גוף פון אדם הראשון, איז אונטערן מזבח אויך הויל געווארן, ווייל דער אייבערשטער האט גענומען פון דארט די ערד, און ער האט באשאפן די קאפ פון אדם הראשון.

**וועגן** דעם שטייט 'בראשית' (בראשית א-א), ברא שית, דער אייבערשטער האט באשאפן די

שיתין. ווייל דעם זעקסטן טאג האט דאך דער אייבערשטער באשאפן אדם הראשון, און דעמאלטס האט דער אייבערשטער ארויסגענומען די ערד פון אונטערן מזבח אים צו באשאפן, ממילא האט מען עס אנגערופן שיתין, ווייל דאס איז פונעם זעקסטן טאג. פון ווען מען האט באשאפן דעם מענטש, פון דעמאלטס אן איז געווארן דארט די שיתין.

**קומט** אויס, אז דער מענטש שטאמט פון ארץ ישראל, און שטאמען שטאמט ער פונעם מקום המקדש. יעדער חלק פון א פלאץ איז דאך שואף צו זיין אויף דעם פלאץ פון וואו ער איז געקומען. און אזוי ווי ער איז באשאפן געווארן פון עפר פון ארץ ישראל, און ער איז באשאפן געווארן פון עפר פון אונטערן מזבח, וועגן דעם האט א יוד א תשוקה צו קומען צו ארץ ישראל, און צו זיין ביים מקום המקדש.

**ווען** דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, אלקים עשה את האדם ישר, והמה בקשו חשבונות רבים (קהלת ז-כט), דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש וואויל און פיין און ערליך, ער זאל קענען גיין אויפן ריכטיגען וועג. ווען דער מענטש פאלט אדורך, און ער גייט אוועק פונעם ריכטיגען וועג, האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די קרבנות, וואס א קרבן איז מכפר, מען זאל קענען צוריק גיין צו דעם וועג ווי אזוי דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מעיקרא. עס שטייט אין **של"ה הק'** (מסכת ר"ה תורה אור אות נה), אז וועגן דעם בלאזט מען ראש השנה, תקיעה שברים תרועה תקיעה. 'תקיעה' איז אלקים עשה את האדם ישר, 'שברים' מען פאלט אדורך, 'תרועה' מען איז צובראכען, 'תקיעה' נאכדעם קען מען צוריקגיין צו דעם וואס מען איז געווען פארדעם.

**ווען** א יוד ברענגט א קרבן, ברענגט ער נסכים, וויין. ווייל יין ישמח לבב אנוש (תהלים קד-טו), וויין טוט דערפרייען. אז ער איז אוועקגעפאלען פונעם אייבערשטען, און דער אייבערשטער האט אים געגעבן א קרבן וואס ער קען מתקן זיין, ברענגט ער נאכדעם נסכים, ער ברענגט פארן אייבערשטן וויין, וואס דאס איז ישמח לבב אנוש, א שמחה אויף דעם וואס מען האט אים מוחל געווען די עונות. וואו לייגט מען די וויין? די וויין גיסט מען אריין אין די שיתין. פון דארט איז דאך דער מענטש באשאפן געווארן, וואס אלקים עשה את האדם ישר, און מען האט געזינדיגט און דורך דעם איז מען אוועקגעפאלען, איז נאכדעם וואס ער האט זיין תיקון מיט א קרבן וואס ער ברענגט, נאכדעם ברענגט ער וויין פאר שמחה, און ער דאנקט דעם אייבערשטען, און ער גיסט עס אריין אין די שיתין, עס איז ביי אים תחיית המתים, ער איז צוריקגעקומען צו דעם וואס ער איז געווען מעיקרא, ווען דער אייבערשטער האט אים באשאפן ישר.

**ווען** א יוד קומט קיין ארץ ישראל, קומט ער צוריק צו זיין שורש, אלקים עשה את האדם ישר. ער איז באשאפן געווארן פון עפר פון ארץ ישראל, דער אייבערשטער האט באשאפן דעם קאפ פון א יוד בקדושה, ארץ ישראל איז דאך הייליג. און אסאך מאל פאלט מען אדורך, מען פירט זיך נישט אויף דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי מען האט געדארפט. אז דער אייבערשטער העלפט, און מען קומט אויף ארץ ישראל, מען קומט צוריק צום שורש, דארף עס מעורר זיין א יוד, צוריקצוקומען אינגאנצן צום שורש. נישט נאר ער געפונט זיך דא, נאר אזוי ווי ווען ער איז דא באשאפן געווארן, האט אים דער אייבערשטער באשאפן ישר. אזוי דארף ער צוריקקומען צו די מדריגה וואס ער איז געווען מעיקרא.

*

**רבי** אהרן (**טויסיג שליט"א**) האט פריער גערעדט, אז יפקוד ה' איש על העדה, אז יעדער איינער העלפט דא צו. וואס דער רב וועט בעטן אז מען זאל בויען, און מען זאל טון, אלעס פאלגט מען. און אז מען האט עס ארויפגעברענגט, וועל איך זאגען. איך האב עס שוין געזאגט אין פרעשבורג, און איך וועל עס איבערזאגען, ווייל נישט יעדער איז געווען דארט.

**בשעת** איך בין געווארן רב דא אין וויען, איז געווען דער ראש הקהל, רבי הערש ליפשיץ ז"ל, א חשוב'ער יוד. און ער האט מיר געזאגט, אז ווען מען האט אויפגענומען דעם פריערדיגען רב, האט ער אים אויפגענומען. און ער האט אים געזאגט, איך טראג אייך יעצט אן, די שענסטע רבנות וואס איז שייך איר זאלט קענען צוקומען. עס איז א גרויסע קהלה, אפאר הונדערט בעלי בתים, און געלט וועט אייך נישט פעלן, פרנסה וועט איר האבען, און איר וועט זיך נישט דארפען פלאגען פאר די מוסדות, אונזערע בעלי בתים נעמען קעי"ר פון אלעם, און מען שטעלט צו וואס מען דארף. דער רב דארף גארנישט טון, מען קען זיצען און לערנען, און זיך אפגעבן מיט די בחורים אין ישיבה. עס איז נאכנישט געווען א ישיבה דעמאלטס, אבער מען גייט צושטעלן א ישיבה. זאגט ער מיר, אזוי האב איך געזאגט פארן פריערדיגן רב. און איך זאג עס יעצט איבער פארן נייעם רב. דער רב וועט גארנישט דארפען טון, מען וועט קענען זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, און נאר לערנען מיט די בחורים. און עס איז טאקע אזוי געווען אפאר יאר. איך האב טאקע נישט געדארפט טון, און עס איז אלעס געטון געווארן. יעדער ווייסט אז עס איז געווארן א גאנצע שינוי ביי אונז אין די קהלה, און די הכנסות וואס איז געווען, איז מער נישט דא, און מען דארף האבן הילף. מען דארף האבען א איש על העדה, וואס זאלן שטיין און צוהעלפען, אז מען זאל טאקע קענען טון די עבודת הקודש.

**זייט** עס האט זיך אויפגעהערט די גשמיות ביי אונז אין די קהלה, און עס איז נישט אזוי ווי עס איז געווען, האט אנגעהויבן צו וואקסען ביי אונז די רוחניות פון די קהלה. און וויפיל עס איז געווען דעמאלטס, זאג איך עס איבער היינט, אז עס איז אסאך און אסאך מער געוואקסען. ב"ה די ישיבות ביי אונז, וואס עס איז געווען צייטן וואס עס איז נישט געווען געהעריג, ב"ה היינט לערנען ביי אונז איבער הונדערט און פופציג בחורים, אין די ישיבה קטנה, און ישיבה גדולה. און דאס אלעס איז פון ווען עס איז שוין נישט דא קיין געלט. מען האט אויפגעשטעלט א בית המדרש, די שול, מנינים פון צופרי ביז ביינאכט, מען האט אלעס אהערגעשטעלט, אז מען זאל עס קענען נוצען.

**מען** האט געעפענט א נייע מיידל שולע אין מאנסי, עס הייסט נאך מיין מאמע ע"ה וואס די וואך איז די יארצייט, מען בויעט דארט א נייעם בית המדרש, און די אלע זאכען ציען אריין אין אסאך געלט. און נישט נאר עס ציעט אריין אין אסאך געלט, נאר עס האט מיך אויך אריינגעצויגען דערין. איך האב נישט די מנוחת הנפש וואס איך האב אמאל געהאט, און אסאך שעות גייען אוועק אויף דעם. איך זאג עס דא כדי מען זאל וויסען אז רבי יוסף לעפקאוויטש זאל זיין געזונט, האט זיך לעצטענס צוגעשטעלט צו זעהן צו שאפן געלט פאר די מוסדות, און איך וויל בעטן אז מען זאל אים מחזק זיין, און מען זאל אים ארויסהעלפן. און קיינער וועט נישט דערלייגען, ווייל קיינער דערלייגט נישט אויפן רבונו של עולם. וואס מען טוט פארן אייבערשטען, טוט דער אייבערשטער צוריקבאצאלן בכפלי כפלים פון וויפיל א מענטש טוט. און א חלק פון מיינע תפלות וואס איך האב מתפלל געווען – **איך קען זאגען, אז איין פראצענט האב איך געבעטן פאר מיר, ניין און ניינציג פראצענט האב איך געבעטן פאר אנדערע** – עס איז צרכי עמך ישראל מרובים, מען ווייסט גארנישט וואס פאר א שוועריקייטן מענטשען האבן אין די שטובער. וויפיל מען הערט זיך אן אין משך פון א וואך, אלעס קאסט צייט און געדולד, צו העלפן א צווייטען, אז עס איז ממש נישט דא געגוג צייט. איך דארף אסאך מאל פארלערנען, צו איך דארף אמאל רעדן, אסאך מאל ווען איך דארף זיך שטעלן רעדן, בעהט איך פונעם אייבערשטען איך זאל נישט פארשעמט ווערן, ווייל איך האב נישט געהאט קיין צייט, איך זאל מיך פארקוקען געהעריג. דער אייבערשטער העלפט ב"ה, איך בעהט דעם גאנצן ציבור, ווער עס קען צוהעלפן, כאיש אחד בלב אחד, צו בויען תורה, להגדיל תורה ולהאדירה, וואס מען קען טון, זאל מען צוהעלפן צו טון.

**די** אלע תפלות, און די אלע זאכען פארוואס מען איז געקומען אהער, און מען האט

געדארפט אויפטון דא, זאל דער אייבערשטער מקבל זיין לרחמים ולרצון. דער באשעפער זאל העלפן, די אלע וואס האבן געבעטן זייערע בקשות, זאל זיי דער אייבערשטער העלפן אז זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס זיי דארפן האבן, און מיר אלע זאלן קענען הערן גוטע בשורות איינער ביים צווייטן, זיך מיטפרייען איינער מיטן אנדערנס שמחה. - עס איז ב"ה די וואך די שמחה פון די בר מצוה, וואס א גרויס חלק פונעם ציבור איז געקומען אטייל נעמען אויך ביי די בר מצוה. איך האב א הכרת הטוב פאר יעדן איינעם, דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה עס זאל זיין שמחות ביי ענקערע קינדער.

**איך** מוז זאגען א עקסטערען דאנק פאר **רבי אהרן** (**טוסיג שליט"א**), וואס האט אזוי שיין דערהויבן דעם שבת ביים גאנצן ציבור. דער אייבערשטער זאל אים געבן לאנגע געזונטע יארן, און קענען ווייטער טון מצוות און מעשים טובים. די וואס האבן זיך צוגעשטעלט כדי דער שבת זאל קענען זיין ווי עס דארף צו זיין, די חשובע באדאנסקי משפחה און אלע אנדערע ארום און ארום, זאל דער אייבערשטער זיי געבן, אז זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ביי זייערע קינדער, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען שטענדיג נאר מתוך שמחה וטוב לבב. עס קומען דאך די לעכטיגע טעג פון חנוכה, זאל דער אייבערשטער ארייַנשייַנען אין אונז א הארה פון די נרות חנוכה, נר מצוה ותורה אור, מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה און פרייליכקייט, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## פרשת מקץ כ"ב – כ"ח כסלו תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת מקץ***

ממחרת השבת, בבוקרו של יום הראשון, התפלל **רבינו שליט"א** תפלת שחרית במערת הרשב"י בהשתפכות הנפש, ועלה לדוכן בתוככי המערה. אחר התפלה עברו רבים מאנשי שלומינו וגם מתושבי ארה"ק ששהו במקום לפני **רבינו שליט"א** בפתקאות והזכרות להזכר בזכרון קדוש במקום קדוש. - **רבינו שליט"א** ניגש לציון הקדוש מעוטר בטליתו, והשתטח ברגש ובכיה רבה, לעורר רחמים לישועתן של ישראל, ותהי המקום לחרדת קודש.

אחר הפסקה קצרה יצא **רבינו שליט"א** ופמלייתו הנלוים אליו בדרך לקברי התנאים בגליל, לעורר זכות הקדושים שרפי מעלה להפקד בדבר ישועה ורחמים.

ותהי ראשית דרכו לציון התנא רבי יהודה בר אילעאי, אמרו פרקי תהלים למשך זמן, והמשיכו אל עבר ציון התנא רבי יונתן בן עוזיאל בעמוקה.

אחר שאמרו שם פרקי תהלים וקדיש, עברו בחורי אנ"ש לקבל ברכת צדיק לזיווג הגון, באשר מרגלא בפומא דאינשי שהמקום מסוגל לזה. **רבינו שליט"א** הוסיף כי כאשר שהה בציון עוד לפני חמישים שנה, אמרו גם אז שכן מקובל סגולת המקום. והפטיר בצחות: די וועלט זאגט, פארוואס איז דא א סגולה פאר שידוכים, ווייל פארוואס גייט אזוי שווער שידוכים, ווייל מען זוכט אייביג עפעס א שידוך פון דער הייך. ווען מען קומט אויף עמוקה, נאך אראפ, און נאך אראפ, טרעפט מען א שידוך.

**רבינו שליט"א** המשיך בנועם שיחו עם אנשי שלומינו בגודל קדושת הארץ וההרים המסובבים אליה, והדרך הארוכה שהיו עולים משמרות הכהנים ועולי רגל לירושלים עיה"ק בכל תקופת המועדים, לראות וליראות את פני האדון ה'.

בתוך השיחים חזר **רבינו שליט"א** על ששמע **מאביו זצ"ל** שבעת ששהה בארץ הקודש יחד עם זקינו **הגה"ק משאמלויא זצ"ל** בשנת תרצ"ה, הבחין זקינו על ההרים הגדולים שמסבבים ערי הקודש אשר הם ריקנים מאילנות ומכל עשב וכדומה הרגילים לצמוח על ההרים, ואמר אז שזהו בא מקללת תורתינו הקדושה (דברים כט-כב) 'גפרית ומלח שרפה כל ארצה לא תזרע ולא תצמיח ולא יעלה בה כל עשב וגו' (עיין בגמרא (יומא נד.) שבע שנים נתקיימה גפרית ומלח בארץ ישראל).

משם נסעו לציון התנא הק' רבי עקיבא בטבריה. בתחילת הדרך עמד **רבינו שליט"א** למשך זמן אצל ציון בניהו בן יהודע, אשר כידוע גילה **מרן האריז"ל** גדולות מקדושת מקום קדוש הלזו, והתפלל תפלה חרישית.

כאשר הגיעו ליד ציון התנא רבי עקיבא, התפללו תחילה תפלת מנחה בבית המדרש שעל יד הציון. אחר כך אמרו פרקי תהלים על הציון, **ורבינו שליט"א** המשיך לדבר על גודל קדושת התנא האלקי רבי עקיבא ותלמידיו. ויצאו בריקוד במחול 'אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל'.

***וזה תוכן הדברים:***

**רבי** עקיבא האט געהאט כ"ד אלף תלמידים, וואס זיי זענען אלע געשטארבען מפסח עד עצרת, וועגן דעם איז מען מתאבל אין די טעג. נאכדעם איז ער געגאנגען אויף דרום, און ער האט אויפגעשטעלט פינף תלמידים, וואס פון די פינף תלמידים איז שפעטער צושפרייט געווארן די גאנצע תורה. רבי שמעון בן יוחאי איז געווען איינע פון די, רבי יהודא, און רבי מאיר וואו מען גייט באלד מתפלל זיין (יבמות סב:).

**רבי** עקיבא איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות. די צען שבטים האבן פארקויפט יוסף, די וואך אין די פרשה, און וועגן דעם איז געקומען שפעטער דער עונש פון די עשרה הרוגי מלכות. באמת איז נאר געווען ניין שבטים וואס האבן פארקויפט יוסף, אבער זיי האבען מצרף געווען דעם אייבערשטען, אז ער זאל זיין דער צענטער. און רבי עקיבא איז אקעגן דעם אייבערשטען. העשירי יהיה קודש לה' (ויקרא כז-לב), גייט ארויף אויף רבי עקיבא, אז ער האט

געדארפט מתקן זיין דעם פגם וואס איז געווען, אז מען האט מצרף געווען דעם אייבערשטען ביי מכירת יוסף (הובא **בפרדס יוסף** פ' בחוקותי אות ע', בשם **הרה"ק רבי שמשון מאסטראפאליע זצ"ל**).

**די** גמרא (ברכות סא:) זאגט, שהיו סורקין בשרו במסקראות של ברזל, און ער האט עס אזוי רואיג אנגענומען. עס שטייט א מענטש, און מען טוט אים סורק זיין במסרקאות של ברזל, און ער האט געהאט א דיעלאג מיט די תלמידים. די תלמידים האבן אים געפרעגט, עד כאן? אז ער איז אזוי סובל. האט ער געענטפערט, כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה, איך האב זיך שטענדיג מצער געווען ביי דעם פסוק (דברים ו-ה) ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, אפילו נוטל את נפשך, מתי תבא לידי ואקיימנה, איך האב שטענדיג געטראכט ווען וועט עס קומען אונטער מיין האנט, איך זאל עס קענען מקיים זיין. עכשיו שבא לידי ולא אקיימנה, יעצט אז עס איז מיר אונטערגעקומען א זאך וואס איך האב שטענדיג משתוקק געווען דערצו, וועל איך עס נישט מקיים זיין?!

**אין** די מפרשים שטייט, ווען עס קומט אן פאר א מענטש א זאך פלוצלינג, איז אים שווער ער זאל עס איבערטראגען. א זאך וואס א מענטש האט זיך צוגעוואוינט דערצו, ווערט עס אים נאכדעם גרינגער. רבי עקיבא האט יעדע טאג געליינט קריאת שמע, יעדן טאג האט ער זיך מצייר געווען, ווי מען איז סורק בשרו במסרקאות של ברזל, און ער נעמט עס אן פארן אייבערשטען, איז עכשיו שבאה לידי לא אקיימנה? עס איז גארנישט געשעהן ביי מיר א שינוי, איך לעב מיט דעם די גאנצע צייט, ווען איך האב געליינט קריאת שמע האב איך אזוי מהרהר געווען. און אזוי איז יצאה נשמתו באחד. יצאתה בת קול ווי גרויס רבי עקיבא איז געווען.

*

**רבינו שליט"א** נסע לקברי האמהות, ומשם לציון הק' של התנא רבי חייא ובניו (בו בזמן התפללו אנ"ש אצל ציוני הרמב"ם והשל"ה וקברו של רבי יוחנן בן זכאי ועוד, אשר **רבינו שליט"א** נמנע מלנסוע שם עקב חשש קברות בכל סביבות שטח ההוא).

לפנות ערב הגיעו ליד ביה"ח העתיק בטבריה, מקום מנוחת קדשם של מרנן **תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע**. **רבינו שליט"א** נפגש שם עם **כ"ק האדמו"ר מפינסק קארלין שליט"א**, ובירכו זה לזה בהערצה בברכות לרוב. - **רבינו שליט"א** נעמד ממול הבית החיים ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

לעת ערב כי פנה יום הגיעו לציון התנא האלקי רבי מאיר בעל הנס, המשיכו באמירת תהלים ואמירת קדיש, והתפללו תפלת ערבית במקום. עם סיום התפלה שרו כמה ניגוני התעוררות, כאשר לב כולם נשואות לשמים, שיתקבלו תפלתינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל.

אחר התפלה אצל ציון רבי מאיר בעל הנס, ירד **רבינו שליט"א** לשפת ים כינרת שבטבריה. ולקח ממימי הכנרת ונתן מהם על פניו וידיו לסגולה ולרפואה (עיין בויקרא רבה כב-ד, **ובשמן ראש** חלק תשיעי במדבר דף רפ). ואמר שכן נהג גם **אביו זצ"ל** בהיותו בארה"ק. - והמשיכו בדרך חזרה לירושלים עיה"ק.

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל מסיבת חנוכה שעל ידי המוסד '**בנינו**', שמטרתו לחזק ולעודד ילדים ובחורים יתומים מרחבי ירושלים עיה"ק. **רבינו שליט"א** השמיע דברי חיזוק להבחורי חמד שהשתתפו במעמד, והוסיף גם בשבח מעשי ידיו להתפאר של ידידנו הרבני הנגיד מו"ה **יואל ניימאן** הי"ו מגדולי בוני ופטרוני המוסד.

***<u>וזה תוכן הדברים:</u>***

**איך** וויל באגריסן די חשובע טייערע קינדער און בחורים. מען האט פריער געהערט אזעלכע טייערע ווערטער, אז דער אייבערשטער פארלאזט נישט קיינמאל. אפילו אין די שווערסטע צייטן, האט דער אייבערשטער ענק צוגעשטעלט א פלאץ וואו מען קען אריינקומען, און האבן א ליבליכע שטוב. אבי יתומים ודיין אלמנות אלקים במעון קדשו (תהלים סח-ו), דער אייבערשטער איז דער אבי היתומים. ווען מען פארלירט א טאטן ח"ו, און

אמאל א מאמע, נעמט דער אייבערשטער איבער די פלאץ פון די עלטערן. דער באשעפער שיקט אייביג צו שלוחים, און גוטע שלוחים, וואס זאלן קענען ווייטער פירן די יתומים, אז זיי זאלן קענען ווייטער גיין אויפן ריכטיגן וועג. עס זאל ערזעצען וואס עס פעלט פונעם שטוב.

**עס** קומען די טעג פון חנוכה, חנוכה איז געווען די מעשה מיט די יונים וואס האבן חרוב געמאכט דעם בית המקדש. אין מדרש (ב"ר ב-ד) ווערן זיי אנגערופן חושך. וחושך על פני תהום (בראשית א-ב) זה יון, שהחשיכה עיניהם של ישראל, זיי האבן פארפינסטערט די אויגן פון יודען. עס איז זייער שווער געווען דעמאלטס אז דער כלל ישראל זאל זיך קענען האלטען. די יונים זענען אריינגעקומען אין בית המקדש, און אלעס מטמא געווען. זיי האבן צובראכן די כלים, און צוגענומען די כלי המקדש. אבער דער אייבערשטער פארלאזט נישט, עס איז נישט געבליבן אזוי. אין די שווערסטע זמנים, האט דער אייבערשטער געשיקט מתתיהו ובניו, און זיי האבן באזיגט די יוונים. עס שטייט אין רש"י (דברים לג-יא), אז מתתיהו ובניו זענען אינגאנצן געווען צוועלף מענטשען, און זיי האבן באזיגט א ארמיי פון די יוונים, וואס האבן געהאט א כח שולט צו זיין אויף גאנץ ירושלים.

**אין** די זעלבע צייט איז נישט געווען קיין ליכטיגקייט אין בית המקדש. און מען האט געדארפט האבען שמן, האט מען געטראפן א פך שמן, און עס איז נאך צוגעקומען א נס צום שמן. דאס גיט אלץ חיזוק, אז מען זאל וויסן, אז דער אייבערשטער פארלאזט נישט קיינמאל. אפילו אין די שווערסטע צייטן, עס האט אויסגעקוקט אז מען האט אלעס פארלוירן, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געשיקט די ישועה. וועגן דעם צינדט מען די נרות חנוכה, און מען צינדט עס נעבן די מזוזה, צו דערמאנען אז די מזוזה ווייזט דאך אויך אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, דאס איז דאך די מזוזה. ווען מען גייט ארויס פונעם שטוב, און ווען מען קומט אריין אינעם שטוב, לייגט מען אייביג די הענט אויף די מזוזה, צו געדענקען אז דער רבונו של עולם היט אונזערע שטובער. לייגט מען די נרות חנוכה אויף די אנדערע זייט פון די מזוזה, ווייל נרות חנוכה לערנט אונז אויך די זעלבע. אז אפילו אינעם חושך, פון דעסטוועגן דאך טוט דער אייבערשטער ליכטיג מאכען.

**איך** וויל צוזאגן א ווארט לכבוד רבי יואל ניימאן זאל זיין געזונט, וואס ער איז א געוואלדיגער בעל חסד. איך קען אים פון ניו יארק, און עטץ קענטס אים פון דא, וואס ער האט געבויט דעם שטוב, און אסאך צוגעהאלפן דערצו, אז עס זאל קענען אנגיין דא. דער אייבערשטער זאל העלפען, אז ער זאל קענען ווייטער אויך בויען די אייגענע שטוב, און בויען פאר אנדערע, מתוך שמחה וטוב לבב.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל זיין ליכטיג אין ענקערע שטובער, ליכטיג אין ענקערע הערצער, קענען אלעס מקבל זיין מתוך שמחה וטוב לבב. מען האט פריער געהערט, אז מען קען אויסוואקסען די בעסטע און די שענסטע, אפילו אין אזעלכע מצבים אויך. זאל דער אייבערשטער געבן, אז איר זאלטס אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און מיר זאלן קענען אלע בקרוב זעהן בבנין ציון וירושלים, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת מקץ***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לעיר בני ברק, לקראת שמחת הנחת תפילין לנכדו הבחור בנש"ק **אברהם דוד** ני"ו, בן לבנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, שהתקיים בבית מדרשו של הסב **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**.

**רבינו שליט"א** נכנס לבית המדרש יחד עם מחותנו **האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, המוני החסידים שרו הניגון 'לעשות רצונך', כשלאחריו הניח **האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** תפילין של יד, **ורבינו שליט"א** ענדו

בקשר תפילין על הראש, וכיבד **להגרימ"מ שליט"א** לכרוך הרצועות על היד.

אחר תפלת שחרית התקיים שולחן לחיים בשירה וזמרה. חתן הבר מצוה ערך סיום על מסכת ברכות שלמד בשקידה, ושרו ניגון ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו. אחר כך נשא **האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** מדברותיו לרגל השמחה.

במהלך הלחיים נערך ריקודין של שמחה, והסבים הגדולים שליט"א רקדו עם נכדם חתן הבר מצוה ובני משפחתם, וירא העם וינועו בשמחה וחדוה בשבח והודיה לאדון כל, שזוכים לראות בשמחת בית צדיקים בתפארה.

*

בשעות הצהרים נערך מטעם הנהלת כולל שומרי החומות ומוסדותיה קבלת פנים נהדרת לכבודו של **רבינו שליט"א** חבר נשיאות הכולל, ופמלייתו הנכבדה שיחי'.

כאשר **רבינו שליט"א** הופיע בהדרו ליד ככר בתי אונגארין קיבלו פניו חברי הנהלת הכולל, בעוד שמאות ילדי התשב"ר שעל ידי מוסדות **'שומרי החומות'** עומדים מלובשים בבגדי שבת בשורה, ומקבלים פני הקודש בשירה וזמרה.

**רבינו שליט"א** עבר בין השורות, ובמאור פניו הביט אל נוכח פני הצאן קדשים, ילדי ירושלים המלאים זיו ומפיקים חן. אחד מילדי התשב"ר קיבל את פני **רבינו שליט"א** בדברים מיוחדים בשם מאות התלמידים.

**רבינו שליט"א** המשיך בדרכו על מדרגות בית המדרש כתב סופר, שם השמיע דיבורים קצרים לילדי התשב"ר, וציוה את ברכתו שיזכו להתגדל בטהרה בתורה ויראת שמים.

***וזה תוכן הדברים:***

**... מען** ווייסט אז טומאה איז הותרה בציבור (יומא ו:), ווען דער ציבור דארף ברענגען א קרבן, און מען קען עס נישט ברענגען נאר בטומאה, קען מען עס ברענגען. אבער פון דעסטוועגן דאך, איז ביים אייבערשטען חביב טהרה, און דער באשעפער האט געמאכט נסים, כדי מען זאל קענען אנצינדען די נרות בטהרה. דאס איז דער לימוד מוסר השכל פאר אונז, יראת ה' טהורה עומדת לעד, אפילו מען קען לערנען תורה, און אמאל קען מען לערנען תורה בטומאה אויך, אבער חשוב ביים אייבערשטען איז, ערליך תורה. תורה וואס מען לערנט בטהרה, תורה וואס מען לערנט ערליך. זאל דער אייבערשטער געבן, עטץ זאלטס קענען ווייטער שטייגען און אויסוואקסען תלמידי חכמים, לערנען תורה בטהרה, און וואקסען בטהרה, און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת. פאר די הנהלה פון כולל שומרי החומות וויל איך וואונטשען אז דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער סייעתא דשמיא (חסר הסיום).

*

**רבינו שליט"א** נכנס בהיכל הכולל המלאה חכמים וסופרים מבני ציון היקרים המסולאים בפז, יושבים ועמלים בתורת ה' תמימה. **רבינו שליט"א** ישב בשולחן המזרח, וקידם פניו **הרה"ג רבי יהושע גראסבערגער שליט"א** משגיח רוחני בכוללי שומרי החומות. אחר כך נשא **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. בסיום הקבלת פנים עברו חברי הכוללים לקבל פני הקודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** בין נישט כדאי זיך אופצושטעלן און רעדן דא פאר די תלמידי חכמים וואס זענען זיך ממית באהלה של תורה. מען האט פריער געהערט, אז די דערהויבענע יונגעלייט די זענען די שבט לוי וואס איז דא היינט אינעם כלל ישראל. ווי עס איז דער לשון פונעם **רמב"ם** (הל' שמיטה ויובל יג-יג), אז זיי ווערן נתקדש קדש הקדשים, ווייל זיי זענען זיך פורש פון אלעם, און זיצען אין ד' אמות של הלכה. אשרי חלקיכם. דער באשעפער זאל געבן ווייטער אויך, אז מען זאל עס קענען אנהאלטן ווי לאנג עס איז מעגליך.

**מען** שטייט נאנט צו די טעג פון חנוכה, דוד המלך זאגט אין תהלים (תהלים ס-ו), נתת ליראיך נס להתנוסס מפני קשט סלה. דער **חתם סופר**

(**בתורת משה** לחנוכה קפב. **ובדרשות** לחנוכה סט.) זאגט, אז מען האט געטראפן א פך שמן, וואס דאס אליין פאר זיך איז געווען א נס. - עס איז דא אטייל וואס זאגען אז די ערשטע טאג וואס מען צינדט, איז פאר דעם נס וואס מען האט געטראפן די פך שמן. - און פון דעם פך שמן איז נאכדעם ארויסגעקומען נאך נסים, וואס מען האט געקענט צינדען די אלע איבריגע טעג. 'נתת ליראיך נעס , דער אייבערשטער האט געגעבן קודם איין נס, אז מען האט געטראפן דעם פך שמן, 'להתנוסעס , אז פון דעם וועט ארויסקומען שפעטער נאך נסים, אז מען זאל קענען צינדען די אלע טעג.

**איך** האב געטראכט, עס שטייט אין **בית יוסף** (או"ח סימן תר"ע), פארוואס צינדט מען דעם ערשטן טאג נרות חנוכה. אין פשטות איז דאך דעם ערשטען טאג נישט געווען א נס. זאגט ער, אז אזוי ווי זיי האבן געזעהן אז עס וועט נישט זיין קיין שמן אויף אכט טעג, האבן זיי מעיקרא איינגעטיילט, זיי האבן יעדן טאג נאר גענומען א אכטעל פונעם פך, וואס מען זאל צינדען אין דעם טאג. און יעדן טאג איז געווען א נס, אז כאטש עס איז נאר געווען א שמינית פונעם שמן, פון דעסטוועגן דאך האט עס געברענט דעם גאנצן טאג. אנדערע פרעגן דערויף, עס איז דאך דא א דיעה אז אין סומכין על הנס (פסחים סד:), ווי אזוי האבן זיי געמעגט מעיקרא ארײנלייגען וויניגער פון וויפיל עס פעלט אויס, און זיך פארלאזען אז עס וועט שפעטער פאסירן א נס. און בכלל, אויב טומאה איז נדחה בציבור, האט מען אינגאנצן נישט געדארפט א נס, ווייל בעצם האט מען געקענט צינדען דעם ערשטען טאג וויפיל מען דארף, און אז עס וועט נישט זיין קיין שמן אין די איבריגע טעג, איז דאך טומאה נדחה בציבור. פארוואס זאל מען מעיקרא גיין אויסרעכענען און צינדען וויניגער, כדי עס זאל זיין בטהרה, און עס זאל פאסירן א נס, די גמרא זאגט דאך, אז אין סומכין על הנס.

**עס** איז ניתן להאמר, עס שטייט אין **בעל הטורים** (פ' תולדות כו-כב), אז איינע פון די גזירות וואס די יונים האבן גוזר געווען איז געווען, אז מען זאל זיך נישט טובל'ן. מען האט געוואלט אוועקנעמען טהרה פון יודען. און עס איז הפלא ופלא וואס דער **בעל הטורים** זאגט, אז דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, און ביי יעדן יוד וואס האט געדארפט האבן א מקוה זיך צו טובל'ן, איז באשאפן געווארן א מקוה ביי אים אין הויף, און ער האט זיך געקענט טובל'ן. עס איז שווער צו פארשטיין פונקטליך ווי אזוי די מקוה איז אהין אנגעקומען, און ווי אזוי די וואסער איז אהין אנגעקומען, און עס זאל זיין בטהרה, אבער אזוי שטייט אין **בעל הטורים**. איז דאס דאך געווען א געוואלדיגע חיזוק וואס יודען האבען געהאט. מען רעדט פון די שווערסטע צייטן וואס מען גייט אדורך, עס איז דא די גזירה פון די יונים, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, מען לאזט נישט האלטן קיין תורה, מען לאזט נישט האלטן קיין יודישקייט. און יעדער יוד האט געזעהן ביי זיך אין שטוב א נס, ער באקומט א מקוה, כדי אז ווען מען דארף זיך טובל'ן, זאל מען זיך קענען טובל'ן. און עס האט פאסירט ביי יעדן יוד עקסטער, דער אייבערשטער האט עס געמאכט פאר יעדען וואס האט עס געדארפט האבן, איז עס געווען א געוואלדיגער חיזוק. אין אזא צייט וואס מען זעהט די רדיפות פון כלל ישראל, און פון דעסטוועגן דאך ווייזט דער אייבערשטער א נס, אז מען זאל זיך קענען מטהר זיין, האבן זיי געזעהן דערפון א ווינק פונעם אייבערשטען, אז דער אייבערשטער טוט נסים פאר יודען אויף טהרה. האבן זיי זיך אויף דעם פארלאזט, אז ווען מען וועט דארפן צינדען די שמן פון די מנורה, און מען וועט עס טאקע קענען צינדען בטומאה, אבער דער אייבערשטער האט געמאכט נסים פאר טהרה פאר יודען, כדי מען זאל זיך קענען סומך זיין אז דער אייבערשטער וועט מאכן ווייטער אויך נסים, אז מען זאל קענען צינדען שמן בטהרה. אז פאר א הדיוט האט דער אייבערשטער געמאכט נסים פאר טהרה, וועט דער אייבערשטער אוודאי מאכן פאר ציבור, אז מען וועט קענען צינדען בטהרה.

**'נתת** ליראיך נס', דער אייבערשטער האט געמאכט קודם פאר די יראים א נס אין שטוב, אז

זיי האבן געהאט מקוואות אז מען זאל זיך קענען טובל'ן, און פון דעם האבן זיי געגומען 'להתנוסס', אז דער אייבערשטער וועט צוגעבן ווייטער אויך, אז עס וועט פאסירן נסים. און זיי האבען זיך סומך געווען אויף דעם, אז מען וועט קענען צינדען שפעטער בטהרה.

*

**די** מוסר השכל דערפון איז, מען זעהט אז דער אייבערשטער פארלאזט נישט יודען קיינמאל. אין די שווערע צייטן וואס כלל ישראל האט געהאט, האט דער אייבערשטער נישט פארלאזט. און עס איז א חיזוק פאר יעדן יחיד אליין, יעדער יחיד גייט אדורך זיינע פראבלעמען, מיט זיינע שוועריקייטן, אבער ווען א יוד וויל זיך פירן בטהרה, ער וויל זיך פירן ערליך, איז דא סייעתא דשמיא. הבא ליטהר מסייעין אותו, ווען א מענטש וויל זיך פירן ערליך, העלפט מען אים פון הימל, אז ער זאל קענען אויספירן זיין רצון. - עס קומען דאך די טעג פון די אורות פון חנוכה, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן זיך קענען אלע פירען ערליך, און קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב.

**מען** רעדט פון כולל שומרי החומות, מען דארף נישט זאגען, עס איז פקיע שמיה איבעראל, די געוואלדיגע כח התורה וואס ליגט אין די כוללים פון כולל שומרי החומות. סיי די ראשי הכוללים, און סיי די בני הכולל, זיצען און געבן זיך אוועק פאר תורה. און די בני חוץ לארץ, וואס דער אייבערשטער גיט זיי די זכיה, אז זיי האבן די מעגליכקייט אז זיי זאלן קענען שטיצען אזעלכע מקומות. זאל זיי דער אייבערשטער אוודאי בענטשען, אז מען טוט פאר קדש הקדשים, וואס דער רמב"ם זאגט, אז דאס זענען די בני תורה, אז מען טוט פאר זיי, מען העלפט פאר קדש קדשים, ווערט מען אליין אויך נתקדש. עס איז א קדושה פאר זיך, און עס איז דא א ברכה אין אלע מעשים וואס מען טוט אין עניני עולם הזה, אז מען זאל קענען דערמיט טון מצות און מעשים טובים. זאל דער אייבערשטער געבן פאר די עושים ומעשים, אז זיי זאלן קענען ווייטער טון זייער עבודת הקודש, מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבני ברק, להשתתף אצל השמחה הגדולה שמחת הבר מצוה לנכדו היקר בנש"ק **אברהם דוד כ"ץ** נ"ו שהתקיים בהיכל הגדול שע"י מרכז חסידי וויזניץ.

לפני הבר מצוה הגיע **רבינו שליט"א** ובני משפחתו לביקור קצר בבית **הגאון האדיר רבי חיים קניבסקי שליט"א. הגר"ח שליט"א** בירך את חתן הבר מצוה, ועל שאלתו מה יקבל על עצמו לקראת יום שמחתו, ענה **הגר"ח** שיקבל לגמור את כל הש"ס עם הירושלמי. ובחן את חתן הבר מצוה בכמה שאלות ממסכת ברכות שגמר לקראת הבר מצוה.

**רבינו שליט"א** נענה ואמר: באתי בבגדי שבת לכבוד הבר מצוה, אבל כדי לקבל גדול הדור גם כן צריכין בגדי שבת. **הגר"ח** שחק ואמר מי הוא גדול הדור... **רבינו שליט"א** הציע את שאלתו בדברי הגמרא (שבת כג:) דנר שבת עדיף מנר חנוכה משום שלום בית, הלא גם בני הבית מחוייבים להצטער ולוותר על שלום ביתם כדי להדליק נר חנוכה, שהרי הם מחוייבים בה כמו האנשים שאף הן היו באותו הנס, ונשאו ונתנו בזה (**רבינו שליט"א** דיבר מענין זה בעת דרשתו בשמחת הבר מצוה, יובא להלן). - אחר כך עברו בני המשפחה לברכה, ונפרדו לשלום.

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

דל העט וקצר המצע מלהביע עלי גליון, את רגשות המשתתפים אצל שמחה הרוממה והרבתי, שמחת הבר מצוה של הבחור החשוב כמר **אברהם דוד** נ"ו, נכד **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, בן לבנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, שהתקיים בהיכל הגדול שעל יד מרכז חסידי וויזניץ בבני ברק.

בשעה המיועדת הופיע ביקרו **רבינו שליט"א** ביחד עם מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** כשהיכל הגדול מלא מפה אל פה, זקנים עם נערים, חסידים

ואנשי מעשה, שבאו לשמוח בשמחת בית צדיקים, וקיבלו פניהם בשירה וזמרה ובריקודין של שמחה.

במשך שעות השמחה השתתפו ופיארו בראש המסובין גדולי אדמורי"ם ורבנים ומנהיגי העדה שליט"א. רגשות השמחה פרצה גבולות בשבח והודיה להשי"ת שהחיינו והגיענו לזמן הזה, שחתן הבר מצוה נ"י משתתף בבריות גופא ובכוחות דשנים ורעננים.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** השמיע דברים נרגשים בשבח ושירה לקל עליון על כל החסד שהגיענו עד הלום. ובדבריו הביע אותות הכרת הטוב לקהל אנשי שלומינו שהגיעו מעבר לים להשתתף בשמחתו שמחת בית צדיקים.

השמחה פרצה בעוז בקול מצהלות לאחר שחתן הבר מצוה נ"י הביע תהלותיו לא-ל חי על כל הטובה אשר גמלוהו, והמשיך בדבריו בסוגיא דהיסח הדעת בתפלין. הקהל הרב שמחו ורקדו מתוך רגשות נעלים, ובפרט **כשרבינו שליט"א** ומחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** יצאו בריקוד מיוחדת ובריקודין של שמחה עם הבחור הבר מצוה, ובנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, וכל משפחת המלוכה.

אחר פרקי שירה וזמרה השמיע **רבינו שליט"א** דברות קדשו לרגל השמחה, והתחיל ברגשי לבבו עת שרואה את נכדו היקר נ"י נכנס לעול המצוות, ששמחה זו עולה יותר מהצלת הגוף, שהאדם נברא רק לקבל עליו עול מלכותו ית"ש ומצותיו.

**רבינו שליט"א** הרחיב לבאר עניני נס חנוכה ופירסום נסי ה', ובביאור דברי הגמרא (שבת כג:) דנר שבת עדיף מנר חנוכה משום שלום ביתו, שאי אפשר לפרסם הנס בבית לבניו ובני ביתו, רק כשיש שלום ושלוה, ואויר של אהבה ושמחה השורה בבית.

לכבוד השמחה הופיע ויצא לאור מספרי דבי רב, **שמן ראש** לחנוכה חלק ב' (נדבת לבו של הנה"ח הר"ר שמואל **ראאב** הי"ו) אשר נתחלק לכל המשתתפים למזכרת שמחה.

שמחת הבר מצוה הותירה רושם עז של שמחה והתרוממות הרוח שלא במהרה ישכח. ופיות האורחים הרבים בני קהלתינו הק' מלאים שבח ותהלה לעסקני קהלת וויזניץ המעטירה, על גודל השתדלותם בשמחה הרוממה הלזו, לסדר כל אחד איש על מחנהו, בסבר פנים יפות כראוי וכיאות.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אודה** ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו, איך דאנק דעם רבונו של עולם בתוך רבים, אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה, אז איך קען אטיילנעמען היינט ביי די בר מצוה פון מיין חשוב'ן אייניקל אברהם דוד זאל זיין געזונט און שטארק. עס איז טעג וואס מען גייט אריין אין די ימי חנוכה, מען ווייסט, אז חנוכה האט מען נישט מתקן געווען משתה ושמחה, מען האט נאר מתקן געווען להודות ולהלל, צו דאנקען דעם אייבערשטען. און די מפרשים זאגען פארשידענע טעמים, פארוואס עס איז אנדערש פון פורים, וואס דארט האט מען מתקן געווען משתה ושמחה, און דא האט מען נאר מתקן געווען להודות ולהלל. אטייל זאגען, אז די גזירה פון פורים איז געווען להשמיד להרוג ולאבד, עס איז געווען א גזירה אויף די גופים, וועגן דעם האט מען קובע געווען משתה ושמחה. אבער חנוכה האט מען נישט געוואלט הרג'ענען יודען, עס איז נאר געווען להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, און אויף דעם האט מען נישט קובע געווען משתה ושמחה. א טייל האבען פארשטאנען דערין, אז עס איז נישט אזוי גרויס די שמחה פון חנוכה אזוי ווי פורים, אז מען זאל אויף דעם קובע זיין משתה ושמחה. אנדערע שטעלן זיך שוין דערויף און זיי פרעגן, אז מיר ווייסן אז גדול המחטיא את חבירו יותר מההורגו (רש"י דברים כג-ט). להשכיחם תורתך איז אסאך א שווערערע גזירה ווי להשמיד ולהרוג ולאבד. און אויב אויף דעם האט מען קובע געווען משתה ושמחה, דארף מען דאך אויף חנוכה אוודאי קובע זיין א משתה ושמחה.

**די** מפרשים זענען מסביר, איינס, אז אמת טאקע אז עס איז אסאך א גרעסערע שמחה וואס דער אייבערשטער האט געהאלפן ביי די נס פון חנוכה. די גזירה פון די יוונים איז געווען מער פון די גזירה וואס איז געווען ביי המן. אבער

קובע צו זיין א משתה ושמחה האט מען נישט געקענט דערויף, ווייל נישט יעדער פארשטייט די חשיבות פון תורה הק', אז תורה איז חשוב'ער פונעם לעבן פון א מענטש, האט מען נישט קובע געווען דערויף א משתה ושמחה. אבער ערליכע יודען שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן תר"ע סעיף ב'), זענען מרבה בשמחה אפילו אין די טעג אויך. די וואס פארשטייען דעם גדול המחטיא את חברו יותר מההורגו, די זענען קובע א שמחה אויך אין חנוכה.

**מען** זיצט ביי א סעודת בר מצוה, איך געב ארויס הרגשי לבבי, מיין חשובער אייניקל ווי מען האט פריער געהערט, איז אדורכגעגאנגען א שווערן זמן, און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן ברוך ה', אז ער זיצט דא היינט צווישן אונז. עס איז געווען א ישועה ממות לחיים, אזוי ווי פורים. און ב"ה מען האלט דא יעצט ביי א שמחה, וואס עס איז ביי מיר אסאך א גרעסערע שמחה פון דעם. אז דער אייבערשטער העלפט, אז ער גייט אריין לעול המצות, ער איז מקבל אויף זיך עול תורה, דארף ביי א יוד זיין חשוב'ער די שמחה פון יענע שמחה. ווייל א שמחה פון א קינד וואס בלייבט לעבן, און מען זעהט נישט קיין נחת, אז ער זאל שטייגען אין תורה און אין עבודת ה', איז די שמחה נישט קיין שמחה. די שמחה איז, ווען מען זעהט שפעטער די פירות דערפון, ווי אזוי ער וואקסט אויס, און ער איז מקבל אויף זיך עול התורה והמצות מיט א שמחה, דאס איז דער אמת'דיגער שמחה וואס מיר פרייען זיך דערמיט.

*

**מען** שטייט יעצט אין די טעג וואס איז נאנט צו חנוכה, איך האב עוסק געווען אין די גמרא אין מסכת שבת וואס האט צוטון מיט חנוכה, איך וועל זאגען אויסענווייניג וואס איך האב געטראכט אין דעם ענין, קען זיין אז עס וועט זיין א תועלת פאר אנדערע אויך.

**די** גמרא (שבת כג:) איז דן, ווען איינער האט פאר זיך צוויי מצות, און ער האט נישט קיין געלט פארביידע. ער האט איין גילדן, אדער וועט ער קויפן דערמיט נר חנוכה, אדער וועט ער קענען קויפן ווין אויף קידוש שבת. זאגט די גמרא, אז נר חנוכה קומט קודם. נר חנוכה איז פרסומי ניסא, און פרסומי ניסא איז אזא חשוב'ע מצוה, אז עס קומט פריער פון ווין אויף קידוש. וועט ער נישט האבן קיין געלט צו מאכן קידוש אויף ווין, אבער ער זאל קויפן נרות חנוכה פאר פרסומי ניסא.

**באמת** איז שווער, עס איז א געוואלדיגע קשיא אויף דעם. פרסומי ניסא איז זייער א גרויסער ענין, מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף דעם נס פון חנוכה. אבער ווען א יוד מאכט קידוש שבת, איז ער מעיד אז דער אייבערשטער האט באשאפן שמים וארץ, דאס איז קידוש. א יוד איז מקדש דעם שבת, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, ויכל אלקים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה, און וישבות ביום השביעי, דער אייבערשטער האט גערוהט, ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו. ווען א יוד מאכט קידוש, איז ער מעיד אז דער אייבערשטער איז דער בורא עולם, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. און ער האט עס באשאפן בעשרה מאמרות (אבות ה-א), ער האט גארנישט געטון דערצו, מיט א דיבור איז באשאפן געווארן אזא גרויסע וועלט. און דאס איז נישט אזוי חשוב בי אונז, אז מען זאל דארפן האבן ווין אויף קידוש?! נאר געלט צו קויפן נר חנוכה, אז דער אייבערשער האט געמאכט א נס, אז פון א קליין ביסל שמן איז געווארן נאך אביסל שמן, דאס איז אזוי חשוב, אז מען זאגט, אז ווען דו האסט א פרוטה, געב עס ענדערש אוועק פאר פרסומי ניסא. דו זאלסט צינדען נרות חנוכה, מפרסם צו זיין אז דער אייבערשטער קען מאכען א נס, אז פון א קליין ביסל שמן וועט זיין אסאך שמן. און וואס בין איך מוותר דערויף, אז איך וועל נישט האבן קיין ווין אויף קידוש, וואס ביי קידוש בין איך מעיד אז דער אייבערשטער האט אסאך און אסאך מער געטון. ער האט באשאפן א וועלט, און אלע ברואים וואס איז דא אויף די וועלט, און אלעס איז באשאפן געווארן מיט איין דיבור פונעם אייבערשטען. איז דאס נישט אסאך א גרעסערע חשיבות, ווי דער נס

פון חנוכה?! ווי קען זיין, אז נס חנוכה זאל זיין פריער פון ווין אויף קידוש.

**איך** האב געטראכט, די תשובה דערויף איז, דאס אז דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט יש מאין, איז נישט קיין שום חידוש. דער בורא עולם דארף גארנישט טון, ובלא לאו שכלליה (אקדמות), דער אייבערשטער קען באשאפן א וועלט, מיט איין דיבור וואס ער זאגט. די משנה (אבות שם) זאגט, אז אפילו עשרה מאמרות האט נישט אויסגעפעלט, והלא בדיבור אחד וואלט אלעס געקענט געשעהן. אבער מען ווייסט, אז נישט יעדער איינער איז מודה אין בריאת העולם. און אפילו אומות העולם וואס זענען מודה אין די בריאה, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, עס איז דא א בעל הבית אויף די וועלט, פון דעסטוועגן דאך זאגן זיי עזב ה' את עולמו, דער אייבעשטער האט אפגעלאזט די וועלט, דער אייבערשטער איז נישט משגיח אויף די וועלט, זיך אומצוקוקען אויף יעדן פרט ופרט וואס איז דא, אז עס איז מיט א השגחה פון אויבן. אויף דעם דינגט מען זיך. דאס איז נאר מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, נאר אונז יודען גלייבן מיר מיט א אמונה פשוטה, אז דער רבונו של עולם האט באשאפן די וועלט, און ער איז נישט מסיח דעת פון די וועלט. יעדער יחיד ויחיד, וואס עס גייט אלץ אדורך אויף אים, פון ווען ער קומט אויף די וועלט, ביז ער גייט אוועק פון די וועלט, איז אלעס מיט א אויסגערעכנטע השגחה פונעם אייבערשטען.

**און** דאס איז פאר אונז אסאך וויכטיגער צו חזר'ן, ווי דאס אז דער אייבערשטער איז געווען דער בורא עולם, וואס האט באשאפן די וועלט. ווייל אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט פארשטייט א טיפש אויך, אז עס קען נישט זיין אזא שיינע וועלט פון זיך אליין, עס מוז זיין א בורא עולם וואס האט דאס באשאפן. ווען א מענטש קומט אריין אין א שטוב וואס איז זייער שיין געפארבט, מיט שיינע כלים און תכשיטים וואס איז דא אין שטוב. ער זעהט א ספרים שאנק וואס איז פול מיט ספרים פון איין עק ביזן צווייטען, און מען וועט פרעגן, ווער האט דאס געמאכט? וועט ער זאגען, אז עס האט זיך געמאכט פון זיך אליין. וועט יעדער לאכן פון אים. עס האט זיך געמאכט פון זיך אליין? עס קען געפארבט ווערן פון זיך אליין? עס קומען דא אריין כלים פון זיך אליין? דאס איז געשריבן געווארן פון זיך אליין? ווען א מענטש וועט אזוי זאגן, וועט מען זאגן אז ער איז א טיפש. און פארוואס איז ער נישט קיין טיפש ווען ער זאגט אז אזא שיינע וועלט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן מיט אזויפיל חכמה וואס ליגט דערין, דאס איז געשעהן פון זיך אליין. אויף דעם דארף מען נישט קיין גרויס חכמה, מיט אביסל שכל פארשטייט מען, אז עס איז דא א בורא עולם. אבער צו גלייבען אז עס איז דא א השגחה פרטיות, יעדער יוד, יעדע זאך וואס ער טוט, איז אלעס אויסגערעכנט פון אויבן, אויף דעם מאכן מיר פרסומי ניסא.

**פאר** אונז איז וויכטיגער נר חנוכה ווי קידוש היום. קידוש היום דאס גלייבן גוים אויך, אז עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט. ער גלייבט טאקע נישט מיט אלע פרטים, אבער די עצם זאך גלייבן אומות העולם אויך. נס חנוכה האט אונז געוויזען, אז אין די שווערסטע צייטן וואס כלל ישראל איז געווען, און עס איז געווען להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, און יודען זענען נישט געווען ראוי דעמאלטס אז זיי זאלן קענען אויסהאלטן, און דער אייבערשטער האט געמאכט נסים, און ער האט געזעהן אז מיר האבן נישט קיין שמן צו צינדען נרות חנוכה, האט ער על דרך נס ממציא געווען שמן פאר נרות חנוכה, דאס איז פאר אונז אסאך וויכטיגער צו חזר'ן, ווי קידוש היום. און וועגען דעם איז נר חנוכה פריער פון קידוש היום.

*

**אין** די גמרא דארט, איז דא נאך א שטיקל גמרא, און דאס דארף אויך האבן א ביאור. די גמרא זאגט, וואס טוט זיך ווען איינער האט איין גילדען, און ער קען קויפן דערמיט נרות שבת, א לעכט אויף שבת, אדער קען ער קויפן נר חנוכה, וואס זאל ער קויפן פריער. זאגט די גמרא, אז נר

שבת קומט פריער, ווייל נר שבת איז שלום בית, און שלום בית קומט פריער פון נרות חנוכה.

**מען** ווייסט, אז נר חנוכה איז הארבער פון אלע אנדערע מצות אין די תורה. אויף יעדע מצוה אין די תורה, איז א מענטש נישט מחוייב אוועקצוגעבן מער פון א פינפטל פון זיין פארמעגן. אויב ער האט הונדערט דאלער, איז ער נישט מחוייב אוועקצוגעבן פאר א מצוה, נאר צוואנציג דאלער. ער איז נישט מחוייב אוועקצוגעבן זיין גאנצע פארמעגן דערויף. אבער נר חנוכה, אזוי ווי עס איז פרסומי ניסא, איז די הלכה, אז אפילו ער האט נאר איין גילדען, ער האט נאר איין העמד'ל, איז ער מחויב צו פארקויפן דעם העמד, כדי ער זאל קענען צינדען נרות חנוכה. און אפילו ער האט גארנישט, איז ער מחוייב חוזר צו זיין על הפתחים, זיך פארשאפן געלט. ביי קיין שום מצוה, אויסער ביי פרסומי ניסא, איז נישט דא אזא הלכה. זעהט מען די הארבקייט פון נר חנוכה.

**אויב** אזוי, פארוואס ווען ער האט נאר געלט פאר נר חנוכה, אדער פאר א נר אין שטוב אויף שבת, זאגט מען, אז דער נר פון שבת איז חשוב'ער, ווייל דאס איז שלום בית. וואס איז, אז עס איז שלום בית? שלום בית איז וויכטיגער פון אלע אנדערע מצות אין די תורה?! שלום בית איז וויכטיגער פון נרות חנוכה? נרות חנוכה איז דוחה אנדערע מצות, און שלום בית קומט פריער?! און וואס מיינט שלום בית, שלום בית מיינט נישט נאר שלום בית בין איש לאשתו, רש"י טייטשט שלום בית מיינט, אז עס איז א צער פאר די בני בית צו זיצן אין טונקל שבת. ווען איינער האט נישט קיין ווייב, פון דעסטוועגן דאך איז ער מחוייב ענדערש צו קויפן נרות שבת, ווי נרות חנוכה, כדי אז אין שטוב זאל זיין שלום. די קינדער, די בני בית, זאלן זיך נישט מצער זיין, קומט דאס פריער. ווי אזוי קען זיין, אז א זאך פון שלום בית, זאל זיין פריער פון נרות חנוכה.

**איך** האב נישט קיין קלארן תירוץ דערויף, מן הסתם שטייט שוין א הסבר אין די מפרשים.

אבער איך וויל ארויסברענגען א נקודה וואס איז נוגע פאר אונז. **שלום בית איז דער טייטש, א שטוב וואו מען ערציהט קינדער מיט א רואיגקייט. קינדער לעבן מיט א שמחה, קינדער זענען פריילעך אין די שטוב, אין די שטוב איז דא א אטמאספער פון שלום, א אטמאספער פון רואיגקייט, און דאס בויט אויף א שטוב. אז מען וויל האבן קינדער וואס זאלן גיין בדרכי התורה והיראה, קינדער וואס ווערן נתחנך אין א שטוב וואו מען זעהט עלטערן פירן זיך רואיג, מען שרייט נישט אין שטוב, עס איז נישט דא קיין קולות. און וואס עס איז דא אין שטוב, אלע פראבלעמען וואס מאכן זיך ביי יעדן, זוכט מען אז די שטוב זאל זיין רואיג, דאס איז דער שורש אז עס זאלן קענען אויסוואקסען אין אזא שטוב גוטע קינדער.**

**גוטע** קינדער דאס איז דער גאנצער לעבן פון א מענטש, אז מען איז זוכה צו האבן גוטע קינדער. די חכמים האבן משיג געווען און פארשטאנען, אז טאמער מען וועט נישט האבן קיין נר שבת, וועט נישט זיין קיין רואיגקייט אין שטוב. און דעמאלטס איז גארנישט ווערט די נרות חנוכה, דו וועסט גארנישט האבן דערפון. אויב דו ווילסט מפרסם זיין נרות חנוכה, מוזטו קודם האבן א רואיגע שטוב, א ליבליכע שטוב, דעמאלטס קענסטו אנהייבן צו טון ווייטער. האבן די חכמים געזאגט, טאמער דו האסט נישט קיין געלט פאר נר חנוכה מיט נר שבת, זיי מוותר אויף די נר חנוכה, און קויף נר שבת. **זעה אז דיין שטוב זאל זיין א רואיגע שטוב, א איידעלע שטוב, א ערליכע שטוב, די קינדער זאלן זיך פילען גוט אין שטוב, און נישט טראכטען אפשר דארף איך איבערלאזן די שטוב, איך וועל טרעפן ערגעץ אנדערש וואס עס וועט זיין דארט בעסער. וויסן אז די שטוב דאס איז דער בעסטע זאך וואס א מענטש פארמאגט. און די קינדער וואס מען ערציהט דארט, איז די שענסטע וואס א יוד קען פארמאגן.** און דאס זאגן די חכמים, אז די שלום אין שטוב, איז וויכטיגער פון נר חנוכה. אפילו פאר נר חנוכה איז מען מחוייב אוועקצוגעבן כסותו, דיין העמד. אבער פאר שלום בית דארפסטו מער

אוועקגעבן. אז דיין שטוב זאל זיין רואיג, עס זאל זיין שלום אינעם שטוב, דאס איז דער עיקר חשיבות פון א בית.

**איך** וויל עס ארויסברענגען דא לגבי די בר מצוה פון מיין חשובן זון יואל משה מרדכי. מקצת שבחו בפניו, איך דארף עס נישט זאגן, מען קען אים ב"ה. ער מיט זיין בני בית, א טאכטער פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, האבן אויפגעשטעלט זייער א שיינעם שטוב. עס דערקענט זיך אויף די מאמע פון די שטוב, איז וואס פאר א גארטען זי איז אויפגעוואקסען. ארייגעברענגט א שטוב, שלום בית במלוא מובן המילה. די רואיגקייט, די שיינקייט, די פיינקייט וואס איז דא אינעם שטוב, איז אין לשער. און דאס דערקענט זיך אין די פירות, וואוילע קינדער האט מען נאר אז מען האט א רואיגע שטוב, עס איז קיינמאל נישט דא קיין קולות אינעם שטוב, מען קריגט זיך נישט אויף קיין שום זאך, אלעס זעהט מען אז עס זאל זיין רואיג, און דעמאלטס איז מען זוכה צו האבן א גוטן שטוב. דער רבי זאל זיין געזונט האט אריינגעפלאנצט אין די קינדער אזא ליבליכקייט, און דאס ציהט זיך איבער אין די גאנצע שטוב. דער שלום בית דאס שטייט העכער פון אלעם, ווייל דער שלום וואס איז דא אינעם שטוב, דאס ברענגט די פירות דערצו, אז מען זאל האבן ערליכע וואוילע קינדער. וויל איך אים נאר וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן ווייטער אויך, אז ער זאל קענען מחנך זיין דאס קינד און אלע אנדערע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב.

**איך** וויל ארויסברענגען רגשי לבבי. דער חשובער בר מצוה בחור, זיין ברית איז געווען אין חוץ לארץ, אבער איך בין דא געווען ווען מען האט אים געמאכט די פאות ביים זיידן, דער רבי זי"ע. זייט דעמאלטס איז אדורכגעגאנגען צעהן יאר, און איך קוק וואס דער מחותן האט אויפגעשטעלט, אזא לגיון של מלך, הונדערטער יונגעלייט, וואס הכרת פניהם ענתה בהם, דאס ערליכקייט וואס ליגט אויף זיי, דאס יראת שמים, דאס חסידות, אנגעהויבן פון קליינע קינדער, בחורים אין ישיבה קטנה און אין ישיבה גדולה, און יונגעלייט אין די כוללים. און נישט נאר דא, נאר אין אלע מקומות וואו עס איז דא וויזשניצע חסידים, האט מען אלעס אויפגעשטעלט מיט די אייגענע צעהן פינגערס. פרישע מוסדות, פרישע בנינים, אלעס אהערגעשטעלט אליין. עס קווילט דאס הארץ צו זעהן ב"ה ווי אזוי עס וואקסט און עס שטייט ווייטער. וויל איך נאר אזויפיל וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן פארן רבי'ן ווייטער אויך, ער זאל קענען ווייטער פירן די חשובע עדה על מי מנוחות. קענען זעהן פירות און פירי פירות, געזונטערהייט, בבריות גופא ונהורא מעליא. און מיר אלע אינאיינעם זאלן זעהן אסאך יודיש נחת ביי אונזערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן זוכה זיין צו ערכתי נר למשיחי, די טעג פון חנוכה זאלן מקרב זיין די גאולה שלימה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת מקץ***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו הרבנית הצדיקת מסאמבאטהעלי ע"ה. אחר התפילה נערך מסיבת לחיים.

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** בדרכו להר המנוחות, ועמד מול קבר אמו הרבנית ע"ה, ואמרו תהלים למשך זמן, אחר אמירת קדיש המשיך להתפלל מול ציון קדשו של **מרן מהר"א מבעלזא זי"ע**, שם ישב לזמן ממושך אחוז שרעפים בתפלה חרישית.

בשעות הלילה נכנס **רבינו שליט"א** להדלקת נר חנוכה בבית האכסניא. אחר הזמירות השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בדברי הגמרא (שבת כג:) נר חנוכה וקידוש היום וכו', דהאיבעיא הוא משום דשניהם הוי עיקרו מדאורייתא ופירושו דרבנן. וסיים בדברי אגדה בענין גודל מעלת פרסומי ניסא, שבפרסום הנס וקידוש שם שמים, אין מנכין הזכיות עבור הנס, שעל ידו נתקדש שמו יתברך.

*יום רביעי פרשת מקץ*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לביקור כבוד אצל **כ"ק הגה"צ גאב"ד ירושלים שליט"א** שקיבל את פני **רבינו שליט"א** בחיבה והערצה.

*וזה תוכן השיחה:*

**רבינו שליט"א הציג את נכדיו שיחי', וביקש מאת הגאב"ד שיאציל עליהם מברכותיו**

**רבינו:** ווי אזוי שפירט זיך דער רב?

**גאב"ד ירושלים:** געלויבט דער אייבערשטער. מען דאנקט און מען בעהט.

**רבינו:** מען זאגט יעדן טאג א ברכה אויף דעם, הנותן ליעף כח.

**גאב"ד ירושלים:** מען איז דא אויף גאנץ יום טוב חנוכה?

**רבינו:** מען האט געהאט דא א בר מצוה פון א אייניקל. - דער עולם וויל הערן פונעם רב א ווארט אויף חנוכה.

**גאב"ד ירושלים:** זיי ווילן הערן פונעם וויענער רב.

**רבינו:** פון מיר הערן זיי גענוג. א קלייניקייט זיי זאלן געדענקען עפעס.

**גאב"ד ירושלים השתמט ואמר:** איך בין א נוגע בדבר, איך וויל אויך האבן וואס צו געדענקען. מיין ראש ישיבה **רבי משה שניידער זצ"ל** פלעגט צו זאגען יעדע נאכט חנוכה. קינדער, חנוכה איז א דרבנן, לערנען איז דאורייתא, קינדער גייטס לערנען. איך האב געלערנט ביי אים אסאך יארן. היינט איז טאקע דער יארצייט. ער איז געווען א גרויסע רבי. אז מען האט געוואלט אויפשטיין פארטאגס, איז ער געקומען צו גיין פון זיין שטוב צום בחור'ס שטוב, עס איז נישט געווען אין דער זעלבן הויז, אויפצוועקן איין בחור. איך בין אויך געווען דער בחור...

**רבינו:** זיי האבן מרביץ תורה געווען מיט מסירת נפש. עס איז געווען דעמאלטס שווערע צייטן, מלחמה צייטען, און זיי האבן נישט נאכגעלאזט.

**גאב"ד ירושלים:** ביי פרישטאג האט די טאכטער זיך געפארעט דארט צוצוגרייטן די פרישטאג. און ער פלעגט זאגען בפני קהל ועדה, גיטל מאך אים א אייערשפייז, ער איז אויפגעשטאנען פארטאגס. ער האט געוואלט מחזק זיין לומדי תורה.

**רבינו:** אמאל איז איין גוט ווארט וואס א ראש ישיבה זאגט, מאכט מער רושם ווי א גאנצע דרשה.

**גאב"ד ירושלים:** ער איז געווען א געוואלדיגער רבי. ער איז געווען א רבי, מיט א טאטע, און א זיידע, אלעס. צו יעדן בחור.

**רבינו:** עס איז געווען אסאך וואס האבן טאקע נישט געהאט קיין טאטע אויסער אים.

**א' מהנוכחים:** עס איז געווען אכציג בחורים אין די ישיבה, און אלע זענען געווען פליטים פון די מלחמה. עס איז געווען אפאר לאנדאנער קינדער, זענען זיי אויך געווען יתומים.

**וכיבד את רבינו לברך על הכוס**

**גאב"ד ירושלים:** לחיים, מען זאל זיין געזונט און שטארק, מרביץ תורה זיין מיט הצלחה און סייעתא דשמיא, געזונטערהייט.

**רבינו:** דער רב זאל אויך זיין געזונט און שטארק מיט לאנגע געזונטע יארן, און מען זאל זיך טרעפן מתוך שמחה, און טון די עבודת הקודש.

מיר האבן זיך די ערשטע מאל באקענט אין אנטווערפן, דער רב האט מיך גערופן אז איך זאל קומען רעדן ביי א דינער פאר כולל שומרי החומות. דער רב האט דעמאלטס אסאך געטון פארן כולל.

**גאב"ד ירושלים:** עס איז ביי מיר נישט קיין פרעמדע זאך דער כולל, איך בין אויפגעוואקסען מיט דעם. ווען איך בין געווען א קינד בין איך געגאנגען מיט די פושקע פון כולל שומרי החומות. מיין זיידע רבי דוד איז אויך געווען א גבאי פונעם כולל.

**רבינו מסר ספרו החדש שמן ראש על חנוכה ח"ב וליוה הגאב"ד את רבינו שליט"א בדרך צאתו והמתין עד שנסע רבינו שליט"א לדרכו ונפרדו לשלום**

*

משם נסע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מבעלזא שליט"א** בקרית בעלזא ירושלים. **האדמו"ר מבעלזא** קיבל את פני רבינו ביותרת הכבוד.

*וזה תוכן השיחה:*

**האדמו"ר מבעלזא:** וואס מאכט די ברודער רבי חיים לייב (**כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**).

**רבינו:** ב"ה. מען ווערט נישט יונגער.

**האדמו"ר מבעלזא:** ער האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן ספרים, די משנה ברורה אויף הלכות פסח.

**רבינו:** ער דרוקט נאך ווייטער. - חנוכה אז מען קומט קיין ירושלים, וואו עס איז דער מקום הנס, האט עס אן אנדערן רושם.

**האדמו"ר מבעלזא:** עס איז א פלא, דער בית המקדש איז חרוב געווארן, אלעס האבן דאך די רומיים חרוב געמאכט, וואס האט מען פונקט געשטעלט די נס אויפן שמן זית, מען האט מטמא געווען די קרבנות מיט אלעם. חוץ די מנורה איז געווען נאך, די קטורת.

**רבינו:** וואס איז טאקע דער טעם?

**האדמו"ר מבעלזא:** עס איז דא נאך א גרעסערע פלא, די אלע ספרים וואס ברענגען די נס, די יוסיפון און נאך, ברענגען קיינמאל נישט דעם נס פונעם שמן. זיי ברענגען נאר די נס פון די מלחמה, אבער נישט די נס פון שמן. דער גמרא ברענגט די נס פונעם שמן.

**רבינו:** אין על הנסים אליין איז רובו פון די מלחמה.

**האדמו"ר מבעלזא:** עס ווערט כאטש דערמאנט והדליקו נרות בחצרות קדשך.

איך זעה אז מען האט געמאכט פון די ווינער ישיבה א חסידישע ישיבה.

**רבינו:** נישט איך האב געמאכט, זיי זענען אוועקגעגאנגען, איז געבליבן א חסידישע ישיבה. דער פרישער דור איז אדער געבליבן חסידיש, אדער איז עס געווארן ליטוויש. עס איז נישט געבליבן אשכנזיש. עס האט איינער געזאגט, ובני אשכנז גומר, עס האט זיך געענדיגט.

**האדמו"ר מבעלזא:** מען האט געהאט אמאל א ראש הקהל רבי הערש ליפשיץ ז"ל.

**רבינו:** ער איז זייער נאנט געווען. ער איז געווען א ווארימער חסידישער יוד בפנים.

**האדמו"ר מבעלזא:** יא, ער איז געווען אין בעלזא אויך.

**רבינו:** אין בעלזא אינדערהיים איז מען געקומען צו פארן אויף חנוכה?

**האדמו"ר מבעלזא:** שבת חנוכה איז געווען א גרויסע זאך. בפרט ביי די אונגארישע יודען, עס איז געווען שווער אוועקצופארן פון דער היים יום טוב איבערלאזן די שטוב, אבער שבת חנוכה האט מען געקענט. עס איז געווען עפעס איינגעפירט אין די שטאט כפר אתא אז עס פלעגט קומען א אויט"א אויף שבת חנוכה צום פעטער ז"ל, האט דער פעטער ז"ל געזאגט, אז אין אונגארן זענען געווען אסאך יודען וואס זענען געקומען אויף שבת חנוכה.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטן ז"ל אז זיין פאטער, דער **סערדאהעלער רב זצ"ל** האט אים געזאגט, אז ער איז אסאך געפארן קיין בעלזא, אז כמעט יעדע שבת פונעם יאר, האט ער אויסגערעכנט אז ער זאל זיין, אין משך פון די יארן.

דער **רב ז"ל** האט געזאגט פאר מיין טאטען, ווען ער איז געווען דא שבועות (בשנת תשי"ד), אז אויף אייער פאטער קען מען זאגען אז ער איז געווען כמעט ווי א יושב, ער איז אזויפיל געווען דארט.

**האדמו"ר מבעלזא:** ער איז נאך געווען ביים עלטער זיידען, ביים מיטעלן רב?

**רבינו:** יא. מיטן **ערוגת הבשם**. מיין טאטע האט ער א נאמען געגעבן נאך אים 'יהושע'.

**האדמו"ר מבעלזא נתן ממתקים להילדים נכדי רבינו, ורבינו הציג אחד הנכדים הילד שלמה זלמן כ"ץ ני"ו, והפטיר:** ער הייסט נאכען **שאמלויא'ער רב זצ"ל**.

**האדמו"ר מבעלזא:** דער **שאמלויא'ער רב** האט געהאט א זון וואס איז געווען א איידעם אין פאפא?

**רבינו:** דער **סערדאהעלער רב'ס** א קינד, דעם טאטען'ס א ברודער.

**האדמו"ר מבעלזא:** עס איז דא א נאמען נאך אים.

**רבינו:** אין די משפחה נישט. ער האט ארויסגעגעבן די ספרים **ויגד משה**.

**האדמו"ר מבעלזא:** ווי אלט איז ער געווען?

**רבינו:** זיבען און דרייסיג יאר.

**האדמו"ר מבעלזא:** ער האט געוואוינט ביז די מלחמה אין פאפא?

**רבינו:** זיין רעבעצין איז אוועק אפאר יאר פריער. א חודש נאכדעם וואס דער **ויגד יעקב** איז אוועק, איז זי אוועק. און נאכדעם האט ער געוואוינט אין סערדאהעלי.

**האדמו"ר מבעלזא:** קינדער האט ער אויך געהאט?

**רבינו:** ניין. זה ספר תולדות אדם. ער האט אסאך געשריבן. עס איז דא פון אים כתבי ידות בכל מקצועות התורה.

**האדמו"ר מבעלזא:** דער ספר אויף הגדה איז אויך א שיינער ספר.

ווי אזוי איז היינט איינגעפירט אין וויען, וואס פאר א נוסח דאווענט מען.

**רבינו:** עס ווענט זיך וואו. אין וויליאמסבורג דאווענט מען נוסח ספרד. אין בארא פארק די אלטע קהלה איז אשכנז'יש, און די יונגעלייט דאווענען נוסח ספרד.

**האדמו"ר מבעלזא:** ווער האט אויפגעשטעלט אין אמעריקא די וויענער קהלה?

**רבינו:** בעלי בתים.

**האדמו"ר מבעלזא:** ווער איז געווען דער ערשטער רב?

**רבינו:** רבי יונתן שטייף זצ"ל.

**האדמו"ר מבעלזא:** נאך די קריג?

**רבינו:** יא. מען האט אויפגעשטעלט די קהלה ווען אין וויען האט זיך אנגעהויבן די קריג, ת"ש, מען האט געמוזט אנטלויפן.

**האדמו"ר מבעלזא:** ווען איז רבי יונתן שטייף אנגעקומען.

**רבינו:** תש"ה. ער איז געווען מיט די באן וואס איז ארויס אויף שווייץ.

**האדמו"ר מבעלזא:** ווען איז געווען רבי ישראל וועלץ אין פעסט?

**רבינו:** ער איז געווען נאכן קריג, נאך רבי יונתן. ער איז נישט געווען עמטליך פון די קהלה.

**האדמו"ר מבעלזא:** רבי ישראל וועלץ איז נישט געווען עמטליך?

**רבינו:** איך מיין אז נישט, ער איז געווען אין חברה ש"ס.

**האדמו"ר מבעלזא:** איך מיין אז ער איז געווען א רב ערגעץ, פאר ער איז געגאנגען קיין פעסט.

**רבינו:** אין טיניע.

**האדמו"ר מבעלזא:** אין גאליציע איז נישט געווען דארט די פיש'ן, אין פעסט איז געווען מער אסאך ערליי פיש'ן. ווען יודען זענען געקומען קיין בעלזא האבן זיי געברענגט פיש, עס איז געווען א חשיבות. ווען דער פעטער ז"ל איז געווען אין אונגארן, האבן די יודען געוואוסט אז דער **בעלזער רב** דארף האבן פיש, שפעטער ווען דער פעטער ז"ל איז געפארן קיין ארץ ישראל, האט ער אין ארץ ישראל געזאגט אז מען זאל אויפהערן מיט דעם, ער האט נישט געלאזט ברענגען פיש.

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל** ער האט נאכגעזאגט פונעם **רב ז"ל**, אז געהאדאוועטע פיש איז נישט קיין פיש לכבוד שבת, נאר וואס מען נעמט פון טייך. ווייל דאס איז מען מזמין עקסטער.

**האדמו"ר מבעלזא:** וואס איז דער פשט און דער טעם דערפון? אין ארץ ישראל איז דאס נישט שייך, אלע פישן זענען דא געהאדעוועט.

דער **בני יששכר** ברענגט אראפ אויף א פלאץ (עיין מאמרי חודש אב א-י) פון **רבי משה פשעווארסקער זי"ע** אז ער האט נאר געגעסן פון די מאכלים וואס איז געבליבן פון שבת.

**רבינו:** ער זאגט דארט, אז עס זענען דא וואס האלטן, אז אפילו אין די ניין טעג קען מען עסן וואס עס איז געבליבן פון שבת.

**האדמו"ר מבעלזא התעניין על מצב בריאותו של כ"ק הגה"צ גאב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל.**

**וכיבד את רבינו שליט"א במיני מזונות ויין**

**רבינו:** עס שטייט פון **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל** אז עס איז דא אטייל וואס פירן זיך צו עסן מזונות חנוכה, ווייל אין על המחי' איז די איינציגסטע פלאץ וואו עס ווערט דערמאנט 'ועל מזבחך', און אזוי ווי חנוכה איז געווען דער חנוכת המזבח, זאל מען געבן א הודאה אויף די מזבח.

**רבינו שליט"א בירכו שיזכה להרחיב גבולי הקדושה מתוך בריות גופא והרחבת הדעת, וליוה האדמו"ר את רבינו שליט"א בדרך צאתו ונפרדו לשלום**

*

בשעות הלילה נכנס **רבינו שליט"א** להדלקת נר חנוכה בבית האכסניא. באמירת דברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** לפלפל עוד בדברי הגמרא (שבת כג:) נר חנוכה וקידוש היום וכו', בענין אי הוי קידוש היום דאורייתא, ובדברי התוספות (סוכה ג.) דמי שאינו

מקיים דברי חכמים במצוה דאורייתא, לא יצא גם מן התורה, וכמה אופנים בביאור דבריהם.

והמשיך בדברי אגדה, דמה שמצינו נסים רבות בשמן דייקא, יתכן שהוא בהיות שבאורייתא ברא עלמא, מסתבר שדבר שנזכר בפירוש בתורה, שורש בריאתו באה מאותו מקום שנזכר בתורה. ומקום הראשון שנזכר שמן בתורה, מצינו אצל יעקב ויצוק שמן על ראשה, ובהיות ששמן ההוא היתה בנס כמבואר במדרש (ב"ר סט-ח), על כן נטבע גם בטבע השמן כח נס, וביאר בזה כמה ענינים נפלאים.

*

__*יום חמישי פרשת מקץ*__

בשעות הצהרים הגיעו משלחת נכבדה מהנהלת שומרי החומות אצל **רבינו שליט"א**, לדווח על פעולות הכולל, ולקבל עצה והדרכה וברכת הקודש במעשי ידיהם הברוכות.

גם הגיעו הנהלת המפעל '**יד להושיע**' שנתייסד לסייע ולתמוך את החתנים שאינם מתייצבים בלשכת הגיוס, ונעדר מהם לצאת לחוץ לארץ לקבץ כספים. **רבינו שליט"א** האציל עליהם מברכות קדשו שיראו ברכה בעמלם, להרבות פעלים לתורה ויראה בישראל.

בשעות הלילה נכנס **רבינו שליט"א** להדלקת נר חנוכה בבית האכסניא. באמירת דברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** לפלפל עוד בדברי הגמרא הנ"ל נר חנוכה וקידוש היום וכו', בענין אי הטירחא להכין עצמו שיוכל לקיים מצוה דאורייתא כתיקונו הוי חיוב דאורייתא או דרבנן. וכמה ראיות לכאן ולכאן. ובענין אי הוי הכנה לצרכי שבת שונה שזה לכולי עלמא הוי מדאורייתא דכתיב והכינו.

והמשיך בדברי אגדה בדברי **היערות דבש** (דרוש ז) דמה שהדליקו הנרות בהיכל ה', הוא כדי שלא יהנו מאור המבהיק מארון ברית ה' בקודש הקדשים, שהיה מאיר גם מחוץ לפרוכת, וביאר בזה סדר הכתובים בפרשת הקמת המשכן וסדר הנחת המנורה במשכן ה'.

אחר הדלקת נרות חנוכה הגיע **הגאון רבי חיים ווערנער שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

בשעות הלילה הופיע **רבינו שליט"א** אצל סעודת ההילולא של **כ"ק אדמו"ר הגה"ק מתולדות אהרן זצוק"ל** שנערך ברוב עם בבית המדרש הגדול תולדות אהרן בירושלים. **האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** קיבל את פני **רבינו שלט"א** באותות כבוד הראוי. אחר ששרו ניגוני התעוררות השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו לכבוד ההילולא, לשנן דרכיו בקודש, וללכת באורחות צדיקים.

__*וזה תוכן הדברי תורה:*__

**מען** זיצט ביי די סעודת הילולא פונעם רבי'ן זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. זכרתי ימים מקדם, איך דערמאן זיך צוריק, מיט איבער א יובל יארן צוריק, וואס מען איז געווען אין דעם בית המדרש. עס איז נאך געווען דעמאלטס א מתי מספר פון דאס וואס מען זעהט היינט. דער אייבערשטער האט געגעבן אז עס איז ארויסגעוואקסן אזא לגיון של מלך, בלי עין הרע, כן ירבו. עס פירט זיך ווייטער אויף די הדרכות מיטן זעלבן וועג. עס ווערט טאקע נמשך דורך ברא כרעא דאבוה, פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט. עס איז באמת ביי מיר א שמחה, עס קווועלט די הארץ צו זעהן, ווי שיין עס איז אויסגעוואקסן פון די הארוואניע וואס מען האט אריינגעלייגט.

**פון** די אנדערע זייט, טוט ווי דאס הארץ. איך קוק אן א יונגען דור, וואס האט נישט געהאט די זכיה צו זעהן דעם געוואלדיגען ליכטיגקייט וואס דער עלטערער דור האט זוכה געווען צו זעהן. אמת, מען הערט, און מען רעדט, און מען ווייסט, אבער ווער עס האט עס נישט געזעהן מיט די אויגן, קען מען דאס נישט אראפמאלען. מען קען נישט מסביר זיין און אראפלייגן, דאס ערליכקייט, דאס תמימות, דאס צדקות, די קדושה, די יראת ה' וואס עס איז געווען חופף על פניו. וויפיל מען זאל רעדן דערפון, איז עס כטיפה מן הים, אקעגן דעם וואס מען האט זוכה געווען צו זעהן בחייו. זיין עבודת ה', זיין אמונה טהורה, וואס האט באלויכטן די שטוב. ווער עס

איז נאר אריינגעקומען האט ממש געקענט שפירן די אמונה וואס שיינט פאר די אויגן. דאס איז נישט קיין זאך וואס מען האט איינגע'חזר'ט, און א זאך וואס מען האט זיך געוואוינט דערצו, נאר מען האט עס מיטגעלעבט. יעדע ווארט און יעדע ריר, איז געווען אדורכגעווייקט מיט אזא ערליכע אמונה, מיט אזא בטחון אינעם אייבערשטן.

**מען** שטייט אין די טעג פון חנוכה, וואס איז א זכר אויף דעם נס וואס איז געווען ביי די מנורה. די תורה הק' זאגט ביי די פרשה פון די מנורה, בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, די מצוה איז געווען אז אהרן הכהן זאל אנצינדן די נרות. ויעש כן אהרן, אל מול פני המנורה העלה נרותיה (במדבר ח-ב), און ווי רש"י זאגט, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה. די תורה פארציילט דעם שבח פון אהרן, דער כהן הגדול מאחיו, שלא שינה, אז ער האט נישט געטוישט. ער האט געטון אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען. די מפרשים שטעלן זיך שוין, עס איז גאנץ א קליינער טיטל אויף אהרן הכהן, אז ער האט געטון וואס מען האט אים מצווה געווען.

**עס** שטייט אין **רמב"ן** (פ' בהעלותך), אז אהרן הכהן האט נישט פארפעלט אנצוצינדען די מנורה, קיין איין טאג פון זיין לעבן. אלע פערציג יאר וואס יודען זענען געווען אין מדבר, האט אהרן הכהן אנגעצינדען די מנורה. עס איז נישט געווען א מצוה וואס האט געהערט נאר פארן כהן גדול, יעדער כהן האט געקענט אנצינדן די מנורה, און פון דעסטוועגן דאך האט ער מדקדק געווען אנצוצינדען די מנורה יעדן טאג, ווייל דער אייבערשטער האט אים געזאגט 'בהעלותך' את הנרות, ווען דו וועסט אנצינדן די נרות. דער באשעפער האט עס ארויפגעלייגט אויף זיין נאמען, האט ער שטענדיג אנגעצינדען די מנורה, און קיינמאל נישט פארפעלט.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז בדרך כלל ווען א יוד טוט אן עבודה פארן אייבערשטן, איז דעם ערשטע מאל, דעם צווייטען מאל, די דריטע מאל, טוט ער עס מיט א ברען, מיט א חיות. א מצוה וואס איז בא מזמן לזמן, איז ביי יעדן יוד דא אן התעוררות. אבער א מצוה וואס מען טוט טאג טעגליך, ווערט בדרך כלל אפגעקילט ביי א מענטש, און עס איז נישט די זעלבע עבודה, ווי עס איז געווען אין אנהייב.

**עס** שטייט אין **ישמח משה** (בהפתיחה), אז דער מדרש (ויק"ר ח-ג) זאגט, אז עס איז געווען חביב פארן אייבערשטן די קרבנות פון אהרן, מער ווי די קרבנות פון די נשיאים. ווען מען האט געבויט דעם משכן, א נייער מקום כביכול פארן אייבערשטן, דער באשעפער רוהט צווישן יודען. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), מיר גייען יעצט אריין אין א נייעם משכן, אין א נייעם בית המקדש, מען גייט ברענגען קרבנות, האבן די נשיאים מקריב געווען זייער קרבן, עס איז געווען חנוכת הנשיאים. מען קען זיך גארנישט פארשטעלן די התעוררות הנפש וואס איז געווען ביי יעדן נשיא ווען ער האט געברענגט זיין קרבן, ער גייט דאך מחנך זיין א משכן פארן אייבערשטן, איז עס געווען מיט א שטארקע דערהויבענקייט. און עס איז דעמאלטס געווען חביב ביים אייבערשטן די קרבנות פון די נשיאים, אז א יוד טוט א מצוה מיטן גאנצן הארץ, מיט א שמחת הנפש, עבדו את ה' בשמחה, איז עס חביב ביים אייבערשטן.

**אהרן** הכהן האט אנגעצינדען די מנורה פערציג יאר, יעדן טאג, און פון דעסטוועגן דאך האט זיך גארנישט געטוישט ביי אים פון די ערשטע מאל וואס ער האט געצינדן די מנורה, ביז דעם לעצטען מאל וואס ער האט געצינדן די מנורה. יעדן טאג איז געווען א נייע עבודה, ווי ער קומט יעצט אריין פריש, אין בית ה', און ער גייט אנצינדן די מנורה פארן אייבערשטן. ווען א יוד איז מקיים א מצוה, כאטש ער האט עס שוין געטון נעכטן און אייער נעכטן, און פון דעסטוועגן דאך איז ביי אים יעדן טאג, בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים, דאס איז אסאך מער חביב. וועגן דעם איז געווען ביים אייבערשטן זייער חביב די עבודה פון אהרן הכהן.

**חביב** קרבנו של אהרן, אהרן ווען ער האט געטון זיין עבודה, די הדלקת המנורה, די מנחת

חביתין וואס ער האט מקריב געווען צוויי מאל אין א טאג, איז געווען ביים אייבערשטן חביב, כקרבנם של נשיאים. די קרבן פון נשיאים פארשטייט יעדער איינער אז עס איז געווען חביב, ווייל ער האט עס געטון איינמאל אין לעבן, וואס ער האט מקריב געווען א קרבן פאר חנוכת המזבח. אבער אהרן הכהן האט געטון די זעלבע עבודה טאג טעגליך, און מען האט נישט דערקענט א חילוק, צווישן די נעכטיגע עבודה און די היינטיגע עבודה, אלץ איז עס געווען מיטן זעלבן חיות. 'להגיד שבחו של אהרן', דאס איז דער שבח פון אהרן, 'שלא שינה', עס האט זיך ביי אים קיינמאל נישט געטוישט. 'ויעש כן אהרן', ער האט געטון די זעלבע עבודה. אזוי ווי עס איז געווען דעם ערשטען מאל, אזוי איז געווען די טויזענט'סטע מאל, און אזוי ווייטער.

**די** נקודה, האט מען געקענט זעהן ביים רבין ז"ע. דאס דאווענען יעדן טאג איז געווען כאילו מען גייט היינט דאווענען דאס ערשטע מאל. עס איז נישט געווען, מען האט נעכטן געדאווענט, און היינט דאווענט מען אויך. יעדע מצוה, יעדער טאג וואס איז אנגעקומען, איז געווען מיטן זעלבן חיות, מיטן זעלבן געשמאק, מיטן זעלבן ווארימקייט, כאילו דאס איז די ערשטע מאל וואס מען גייט זיך שטעלן דאווענען, די ערשטע מאל וואס מען גייט טון די מצוה. 'להגיד שבחו של אהרן', די שבח פונעם כהן גדול איז געווען, 'שלא שינה', אז עס האט זיך קיינמאל נישט געטוישט ביי אים. אלץ איז געווען די עבודה מיט א פרישן התחדשות, כאילו עס האט זיך היינט אנגעהויבן די עבודה.

*

**עס** שטייט אין הייליגען **חתם סופר** (בתורת משה פ' בהעלותך לז.), אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב), די מנורה איז געווען געבויגן אל מול פני המנורה, צו די מיטעלסטע נר. געווענליך א ליכט ליגט די קנויט אינדערמיט, און דא איז דער קנויט נישט געלעגן אינדערמיט פונעם נר, נאר עס איז געווען געבויגן צו די זייט, אל מול פני המנורה, צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה. יעדע זאך לערנט דאך אונז עפעס א עבודה אין עבודת ה' וואס מען דארף זיך אראפלערנען דערפון.

**מיר** ווייסן, אז עס ליגט א געוואלדיגע סגולה ווען די אויגן פון א תלמיד קוקן ארויס צום רבי'ן, והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ). בחיים חיותו אודאי, און אפילו שפעטער, ווען די צורה גייט נישט אוועק פונעם מענטש, און עס בלייבט פאר די אויגן, נראת לו דמות דיוקנו של אביו (סוטה לו:), האט דאס א געוואלדיגען כח, אז עס זאל קענען האבן אן השפעה אויפן מענטש. די גמרא (עירובין יג:) זאגט אויף רבינו הקדוש, אז רבינו הקדוש האט געזאגט, אז דאס וואס ער איז מער מחודד פון זיינע חברים איז, ווייל בשעת ער האט געלערנט ביי רבי מאיר, האט ער געזעהן זיין רבי'ן מאחוריה, ער האט אים נאר געזעהן פונעם רוקן. אלמלי ער וואלט אים געזעהן מקמיה, וואלט ער געווען מער מחודד. והיו עיניך רואות את מוריך, דאס וואס מען זעהט שטענדיג פאר די אויגן, אז דער רבי שטייט פארן מענטש, דאס העלפט פאר א יוד ער זאל גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**די** מיטעלסטע חלק פון די מנורה, דער ירך פון די מנורה, דאס איז דער רבי. די קני מנורה, דאס זענען די תלמידים, וואס קומען ארויס פון די מנורה. פון די מיטעלסטע ליכט, פונעם נר המערבי, האט מען מדליק געווען אלע אנדערע נרות. די תורה זאגט, עס איז נישט גענוג וואס מען לערנט ביי א רבי'ן, און מען שטייט נעבן א רבי'ן, נאר עס מוז זיין 'אל מול פני המנורה', די קנייטלעך מוזן זיך בייגן אל מול פני המנורה, צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה. והיו עיניך רואות את מוריך, שטענדיג זעהט מען די צורה פונעם רבי'ן, שטענדיג קוקט מען אויף די מעשים, און מען פרובירט נאכצוגיין אויף דעם וועג, דאס איז די ריכטיגע וועג, ווי אזוי מען איז מדליק די מנורה.

**די** גמרא זאגט, אז רבינו הקדוש האט געזאגט, ער האט נאר געזעהן דעם רבי'ן מאחוריה, ווען ער וואלט אים געזעהן מקמיה, וואלט ער אנדערש אויסגעקוקט. אמאל איז דא וואס מען

האט די זכיה בשעת מען האט א רבי'ן פאר זיך, און מען קוקט אויף דעם רבי'ן, און מען לערנט זיך פון דעם רבי'ן, און מען שטייגט אין תורה און עבודת ה'. אבער אסאך מאל האט מען נישט די זכיה, בשעת מען האט עס, ווייסט מען אסאך מאל נישט די געוואלדיגע מעלה וואס מען האט, אז מען קען זיך דרייען נעבן א צדיק, נעבן אן ערליכן יוד. עס גייט אבער אדורך יארן שפעטער, ווען מען פארלירט דעם רבי'ן, דעמאלטס הייבט מען אן צוריקצוקוקן, אוי, איך וואלט געקענט פון דעם רבי'ן נאך אסאך און אסאך מער לערנען. איך וואלט געקענט פון דעם רבי'ן נאך אסאך מער נהנה זיין, פון וויפיל איך האב נהנה געווען.

**רבינו** הקדוש האט געזאגט, דאס וואס איך בין מחודד מער פון מיינע חברים, ווייל ראיתי את רבי מאחוריה, איך האב געזעהן מיין רבי'ן מאחוריה, ערשט שפעטער ווען ער איז שוין אוועקגעגאנגען, און איך האב געטראכט וואס פאר א רבי איך האב געהאט, פון וועם איך וואלט געקענט לערנען, און איך האב עס נישט אויסגענוצט, אבער איך האב עס על כל פנים איבערגעטראכט מאחוריה. אלמלי איך וואלט געזעהן מיין רבין מקמיה, בשעת ער איז געווען נאך דא, איך וואלט נישט געדארפט צוריקקוקן אויף מיין רבי'ן, וואלט איך געווען אסאך און אסאך מער מחודד.

**די** וואס האבן געהאט די זכיה, אז זיי האבן געקענט לערנען, און זיך מדבק געווען, ווען עס איז געווען מקמיה, ווען ער איז געווען בחיים חיותו, איז אוודאי זייער גרויס וואס מען האט געלערנט. אבער ראיתי את רבי מאחוריה איז אויך א ענין, מיט דעם ווערט מען אויך מער מחודד. עס איז דא וואס האבן צו דעם אויך נישט קיין זכיה, אז מען זאל זעהן דעם רבין מאחוריה. עס איז אדורך א תקופה, עס איז אוועק א דור, מען פארלירט דעם שייכות וואס מען האט געהאט. אויב די ווערטער פונעם רבי'ן שטייען שטענדיג פאר די אויגן, און מען לערנט זיינע תורות, און מען וויקט זיך אין זיינע דרכים וואס מען האט געלערנט, איז מען מער מחודד פון א צווייטן.

**און** דאס איז געווען די נקודה ביים רבי'ן זי"ע, זיין ערליכקייט, זיין תורה, זיין עבודת ה', האט געהאט א געוואלדיגע השפעה אויף די אלע וואס זענען געווען די קני המנורה, וואס זענען געווען געבויגן צו די מנורה. אפילו מען האט זיך נישט געפינען אין בית המדרש, נישט געווען פון די חבריא צוזאמען, ווער עס איז נאר אריינגעקומען אינעם שטוב, האט עס געשפירט. ער האט געקענט זעהן די געוואלדיגע ליכטיגקייט וואס איז ארויסגעקומען פון דעם נר המערבי, וואס האט משפיע געווען אויף די קני המנורה ארום און ארום.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** (שם) זאגט, ויעש כן אהרן, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, זאגט דער הייליגער **חתם סופר** א דבר נפלא. דער **רמב"ן** זאגט שלא שינה, אז ער האט אייביג אנגעצינדן די מנורה, ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט 'בהעלותך' את הנרות. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, דאס איז נאך נישט אזא חידוש, פארוואס זאל ער נישט מאכן א מצוה, וואס ער קען אנצינדן די מנורה בבית ה'. באורים כבדו ה' שטייט דאך אין פסוק (ישעיה כד-טו), מען דארף מכבד זיין דעם אייבערשטן מיט ליכטיגקייט. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, עס איז געווען נאך אן עבודה אין בית המקדש, מקטיר זיין קטורת. וואס מען ווייסט, אז מקטיר זיין קטורת, האט געהאט אין זיך א געוואלדיגע ברכה, עשירות. דער וואס האט מקטיר געווען קטורת, האט זוכה געווען צו עשירות. אלע עבודות אין בית המקדש האט מען געקענט געבן פאר וועלכן כהן מען וויל. עס איז טאקע געווען פייסות, אבער יעדער כהן וואס האט געוואלט, האט זיך געקענט אריינשטעלן אין דעם פייס, אז ער זאל קענען טון די עבודה. אבער קטורת, חדשים לקטורת בואו והפיסו (יומא כו.), מען האט נישט געקענט צוויי מאל מקטיר זיין קטורת. איינער וואס האט שוין איינמאל מקטיר געווען קטורת אין זיין לעבן, האט מער נישט געקענט מקטיר זיין, ווייל מען האט געוואלט, אז יעדער זאל זוכה זיין צו די ברכה פון ברך ה' חילו (דברים לג-יא), זוכה זיין צו עשירות.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז לויטן חשבון קומט אויס, אז די עבודה אין בית המקדש פון אנצינדן די מנורה, און מקטיר זיין דעם קטורת, איז געווען אין די זעלבע צייט. און דער וואס האט אנגעצינדן די מנורה, האט נישט געקענט טון די עבודה פונעם קטורת. און דער וואס האט געטון די עבודה פונעם קטורת, האט נישט געקענט טון די עבודה פון הדלקת הנרות, וויילביידע זענען אויסגעקומען אין דעם זעלבן זמן. עס האט געמוזט זיין אן עקסטערער כהן פאר דעם, און אן עקסטערער כהן פאר דעם. קומט אויס, אז אהרן הכהן, ווען ער האט מדליק געווען די נרות, האט ער פארלוירן מיט דעם אן אנדערן זכות, וואס ער האט געקענט מקטיר זיין קטורת. און מקטיר זיין קטורת האט דאך א זייטיגע ברכה פון עשירות. און פון דעסטוועגן דאך האט אהרן הכהן נישט געטוישט. בהעלותך את הנרות, ער צינדט אן יעדן טאג די מנורה, און עס אינטערעסירט אים נישט די עבודה פון קטורת.

**ווער** מען זאגן, ער וויל טאקע אנצינדן די מנורה יעדעס מאל, אבער איינמאל זאל ער טוישן. איין טאג פון 'פערציג יאר', זאל ער אוועקגעבן און מקטיר זיין קטורת. מיט איינמאל ווערט מען דאך אויך אן עושר, ווייל יעדער כהן האט דאך נאר זוכה געווען איינמאל. להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, דאס איז דער שבח פון אהרן, ער האט קיינמאל נישט איבערגעלאזט די מנורה, כדי מקטיר צו זיין קטורת! פארוואס טאקע, זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, ווייל מיר ווייסן אז די מנורה דאס איז תורה אור. הרגיל בנר, נר שבת, נר חנוכה, און כל שכן ווען מען רעדט פון די מנורה אין בית המקדש, הויין ליה בנין תלמידי חכמים (שבת כג:), מיט דעם וואס מען צינדט אן נרות, האט מען קינדער תלמידי חכמים. און קטורת, דאס איז גשמיות, דאס ברענגט עשירות. טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף (תהלים קיט-עב), תורה איז געווען ביי אים חשובער פון אלפי זהב וכסף. ער איז מוותר אויף קטורת, פערציג יאר נישט אוועקגעגאנגען פון די מנורה, כדי מקטיר זיין קטורת, ווייל טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף. דאס איז דער להגיד שבחו של אהרן שלא שינה.

**די** מדה האט מען געזעהן ביים רבי'ן, זיך אוועקגעגעבן פאר תורה, לימוד התורה, געלעגן אין תורה, אלע אנדערע עניני עולם הזה האט אים כמעט נישט אינטערעסירט. אוועקצוגעבן עפעס פון תורה, כדי מען זאל האבן די השפעה פון קטורת. להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, דאס איז געווען דער שבח פון אהרן, אז ער האט נישט משנה געווען.

**און** דאס האט ער שטענדיג געפאדערט פון די תלמידים, ערליכקייט, יראת ה', שמירת עינים, אכט געבן אויף די אויגן, לערנען בקדושה ובטהרה. און נישט נאר ער האט פארלאנגט פונעם עולם, נאר דאס איז געווען זיין מהות, אזוי איז ער געווען. וואס עס האט זיך ארויסגערעדט, האט זיך ארויסגערעדט פון זיך אליין, און דאס האט ער געפאדערט. והיו עיניך רואות את מוריך, מען זאל נאכקוקן זיינע וועגן, ווי אזוי ער איז געגאנגען.

*

**דער** ציבור דא ווייסט אסאך בעסער פון מיר, ווי אזוי זיין ליכטיגקייט אין אמונה איז געווען, ווי אזוי זיין בטחון אינעם אייבערשטן איז געווען. זיין תפילה, כדבר איש אל רעהו, ער האט געוואוסט אז מיט תפילה קען ער אלעס אויספועל'ן, און ער איז טאקע צוגעגאנגען צום דאווענען, כאילו ער קען זיך אדורכרעדן מיטן רבונו של עולם, און וואס ער בעהט וועט דער אייבערשטער נאכגעבן זיינע תפילות.

**איך** וועל איבערזאגן א זאך, וואס איך מיין אז קיינער ווייסט נישט דערפון. מיין ברודער רבי שלמה זלמן, דער אייבערשטער זאל אים צושיקן א רפואה שלימה, ווען ער איז נישט געזונט געווארן די ערשטע מאל, וואס וועגן דעם איז ער אוועקגעפארן פון דא אויף חוץ לארץ, האט ער געדארפט אדורכגיין פארשידענע צרכי רפואה. ווען מען האט געענדיגט די צרכי רפואה וואס עס האט אויסגעפעלט, האט דער דאקטער געזאגט, אז מען האט געטון די מאקסימום וואס מען קען טון, און ב"ה ער איז ארויסגעגאנגען פון גדר סכנה, און ער איז

געזונט און שטארק. אבער ער איז ממליץ אז מען זאל נאך טון עפעס א געוויסע רפואה, כדי עס זאל מער זיכער מאכן, און צוגעבן שטערקערע כוחות אויף שפעטער, די רפואה זאל זיין מער בטוחה.

**איך** בין אריינגעגאנגען צום רבי'ן, איך האב איבערגעגעבן וואס דער דאקטער האט געזאגט. האט ער מיר געזאגט, איך וועל דיר געבן תשובה. נאכדעם האט ער געזאגט, איך בין נישט מסכים. מען זאל גארנישט טון מער. א יוד דארף איבערלאזן פלאץ, ווי ער זאל זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן אויך. [איך זאג עס נישט פאר קיין הוראה, מען זאל זיך נישט אפלערנען דערפון. וואס מען דארף טון דארף מען פרעגן, און וויסן וואס מען דארף צו טון]. אן אייגן קינד, ער האט אים ליב געהאט כנפשו, און פון דעסטוועגן דאך, ווען עס איז געקומען אז מען האט גומר געווען זיין השתדלות וואס מען האט געדארפט צו טון על פי תורה. וואס מען דארף צוטון מער, דארף מען איבערלאזן א פלאץ פארן אייבערשטן, וואס מען זאל מתפלל זיין, און זיך בוטח זיין על ה'.

**וויפיל** אמונה פשוטה ליגט אין דעם! וויפיל בטחון ליגט אין דעם! וויפיל צוגעבינדענקייט צום אייבערשטן! אז מען טוט נישט אליינס. און וואס מען טוט, טוט מען נאר כדי אז דער אייבערשטער זאל אריינשיקן א ברכה דערין. דאס איז ניכר אין דעם וועג ווי אזוי א יוד פירט זיך. און אזא מנורה הטהורה, האבן מיר געהאט פאר אונזערע אויגן.

*

**עס** איז מיר אויסגעקומען, אז איך בין אמאל געווען צוזאמען מיטן רבי'ן ביי א דאקטער אין טאראנטא. דער דאקטער איז געווען א דאקטער וואס האט געטון אין נאטורליכע זאכן. ער פלעגט אריינצוקוקן אין די אויגן, און פון די אויגן האט ער געקענט אפשאצן וואס מען זאל געבן. איך בין געווען צוזאמען אין שטוב, נאכדעם וואס דער רבי איז ארויסגעגאנגען, האט דער דאקטער געזאגט, 'אזעלכע שיינע אויגן, האבן איך שוין לאנג נישט געזעהן'! א גוי, א דאקטער. איך ווייס נישט וואס ער האט געזעהן, איך ווייס נישט ווי אזוי מען מעסט עס, אבער עפעס איז געווען. אז דער גוי זאגט, אזעלכע שיינע אויגן האט ער נישט געזעהן. דאס איז געווען זיין מהות. אז מען איז מקדש די רוחניות פון די אויגן, ווערט נתקדש בגשמיות די אויגן. און דאס איז געווען זיין עבודה, און דאס האט ער פארלאנגט פון אונז. עס קומט א יומא דהילולא, אין א טאג פון א הסתלקות, דארף מען איבערטראכטן, זיך מדבק זיין אין די וועגן וואס מען האט געלערנט, און נאכגיין אין זיינע דרכים, וועט ער זיכער זיין א מליץ יושר. דער נר המערבי וועט ווייטער לייכטן, און צוריק אריינברענגען ליכטיגקייט אין די תלמידים.

**איך** וויל זאגן פארן רבי'ן זאל זיין געזונט, אז איך פארשטיי, עס איז נישט גרינג דער עול וואס מען האט, נישט בגשמיות און נישט ברוחניות. אבער אשרי חלקו, דער אייבערשטער האט געגעבן די כוחות ב"ה, אויפצושטעלן און ממשיך צו זיין דעם לגיון של מלך, בלי עין הרע, וואו מען גייט, און וואו מען שטייט, הערט מען אלץ די שיינקייט פון די תפארת ירושלים. עס איז נישט נאר א ליכטיגקייט אויף דעם פלאץ אליין, דאס איז א ליכטיגקייט וואס גייט ארויס אויף די גאנצע וועלט. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך כח און געזונט, מען זאל קענען ווייטער אנהאלטן די עדה, און עס פירן אויף דעם וועג ווי אזוי מען האט מקבל געווען.

**אמאל** קומט אויס, אז דורכדעם וואס א מענטש דארף אוועקגעבן זיין צייט פאר אנדערע, האט ער נישט די מעגליכקייט ער זאל קענען אליין נתעלה ווערן, און אליין קענען שיינען. עס דאכט זיך אמאל פאר א מענטש, אז דורכדעם וואס ער גיט זיך אוועק פארן ציבור, דורכדעם וועט אים פעלן אין זיין התעלות. עס איז נישט אזוי. דער נר המערבי, וואס פון דעם האט מען אנגעצינדן אלע אנדערע נרות, האט נישט געפעלט פון די ליכטיגקייט. פונקט פארקערט, ווען מען האט שוין מסיים געווען מטיב צו זיין אלע אנדערע נרות, איז דער נר המערבי נאך

געבליבן ברענען. און עס האט געברענט מיט א נס, ווייל בדרך כלל אז דער רבי וואס איז מדליק אנדערע, קען דאך נישט אזוי ווייט זיך אפגעבן מיט זיך אליין. אבער דאס איז א אור חוזר, עס איז א אור וואס קומט צוריק, דער נר המערבי האט שטענדיג געלאכטן.

*

**איך** האב היינט (בהדלקת נרות חנוכה) נאכגעזאגט, אז עס שטייט אין ירושלמי (יומא ה-ג), אז אין קדשי קדשים איז נישט געווען קיין פענסטער, עס איז געווען א טונקעלע שטוב. פרעגט דער ירושלמי, ווען דער כהן גדול איז אריינגעגאנגען טון די עבודה אין קדשי קדשים, ווי אזוי האט ער געזעהן ווי אזוי צו טון די עבודה. קיין לעקטער איז נישט געווען, קיין פענסטערס איז נישט געווען, ווי אזוי האט ער געזעהן צו טון די עבודה? זאגט דער ירושלמי, אז אין קדשי קדשים איז געווען דער ארון, און דער ארון האט געלויכטן. אזוי ווי עס איז געווען השראת השכינה אויפן ארון, איז דער קדשי קדשים ליכטיג געווען פונעם ארון.

**פרעגט** דארטן דער ירושלמי, דאס איז גוט ביים בית ראשון, וואס עס איז געווען אן ארון. אבער ביים בית שני איז נישט געווען קיין ארון, ווי אזוי האט ער געזעהן צו טון די עבודה? זאגט דער ירושלמי, ער האט נישט געזעהן, ער איז אריינגעגאנגען אין די פינסטער, ער האט מגשש געווען, ער האט געטאפט ווי דער אבן שתיה איז, אזוי האט ער געטון די עבודה. אבער ווי לאנג עס איז געווען דער ארון אינעווייניג, האט ארויסגעשיינט די ליכטיגקייט איבערן גאנצן שטוב.

**עס** איז מיר אויסגעקומען יעצט חנוכה צו זעהן פון הייליגן **רבי ר' יהונתן אייבשיץ זי"ע** וואס ער ברענגט צו דעם ירושלמי, און ער זאגט, אז נישט נאר עס האט געלאכטן אין קדשי קדשים, נאר די ליכטיגקייט האט ארויסגעלאכטן אין גאנצן היכל. און ער זאגט, אז וועגן דעם האט מען דארט געצינדן די מנורה, כדי מען זאל נישט נהנה זיין פונעם אור ה', עס זאל זיין אנדערע ליכט אויך דארטן פון די מנורה.

**איך** האב געטראכט, דער מוסר השכל דערפון איז, א יוד קען אמאל זיצן אין קדשי קדשים, אפגעזונדערט פון די וועלט, אבער די ליכטיגקייט גייט ארויס אסאך און אסאך ווייטער. נישט נאר עס איז ממלא די ליכטיגקייט אויפן פלאץ, נאר די ליכטיגקייט לייכט ארויס חוץ לפרוכת העדות, אינדרויסן פונעם פרוכת גייט ארויס די ליכטיגקייט. די חבריא קדישא וואס דינען דעם אייבערשטן דא, וואס דער רבי פירט עס מיט אזא שיינעם וועג, דאס איז נישט נאר עס באלייכט דא אין קדשי קדשים, ביי זיך אין שטוב, נאר די ליכטיגקייט גייט ארויס, עס גייט ארויס פאר די תלמידים, עס גייט ארויס ווייטער אויף די שטאט, און פון די שטאט אויף די גאנצע וועלט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט נחת און הרחבת הדעת. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז, און פארן גאנצן כלל ישראל. יעדער האט דאך בקשות וואס ער דארף געהאלפן ווערן, ביומא דהילולא גייט דאך די נשמה אלץ העכער און העכער. אזוי איז ער אויך אויף א הויך פלאץ, אבער ביומא דהילולא גייט מען דאך נאך העכער. און ווי העכער מען גייט, האט מען דאך אלץ מער די כוחות אז מען זאל קענען משפיע זיין פאר דעם ציבור, פאר די וואס זענען דבוק אין זיינע דרכים, און לערנען זיינע ספרים, און זיי גייען אין דעם וועג ווי אזוי ער האט אראפגעשטעלט, וועט ער זיכער זיין א מליץ יושר. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***שבת קודש פרשת מקץ***

*התפלות במשך שבת קודש וסעודה שלישית נערכו בבית המדרש פאפא בירושלים עיה"ק, בהתאספות קהל גדול של אנ"ש ותלמידים יוצאי ישיבתנו הק'.*

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית האכסניא. אצל הבאטע הופיע במיוחד הגאון הגדול **רבי חיים אורי פריינד שליט"א** חבר הבד"צ עדה החרדית (חתן הגה"צ גאב"ד קטמון זצ"ל).

במוצאי שבת קודש אחר הדלקת נרות חנוכה, נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לארה"ב. - בטרקלין בשדה התעופה נפגש **רבינו שליט"א** עם **כ"ק האדמו"ר מבאבוב שליט"א** שחזר מביקורו בארה"ק, ושוחחו קצת בידידות רבה.

אלה מסעיהם למוצאיהם בערי הקודש והמחוזות, אשרי תבחר ותקרב ישכון חציריך, בחצרות בית ה׳ בתוכי ירושלים, וזכר הביקור המרומם לא יסיף מקרב לבות אנשי שלומינו לאורך ימים ושנים, -

ומידכרן מילתא שאמר **רבינו שליט"א** בעת הפרדו מתלמידיו בארה"ק אחר שהותו שם משך כמה ימי חנוכה (בדברי תורה ליל ב׳ דחנוכה תשע"ד): ׳הנה זכיתי לעלות לארצינו הקדושה לשפוך שיח, חשבתי דרכי, אני מחשיב מאד הדרך בזה. אבל אי אפשר לי להמשיך, כי לכל אחד יש תפקיד ושליחות בעולם, ומה׳ מצעדי גבר נפל חבלי להרביץ תורה בחוץ לארץ. ולכן ואשובה רגלי ללכת בחזרה, עבור עדותיך׳.

יהי רצון שיתקבלו תפלותינו לרחמים ולרצון, ותפלה שגורה בפינו שעוד רבות בשנים נזכה לחסות בצל **רבינו שליט"א** וליהנות מנועם זיו אורו הבהיר עד ביאת ינון.